STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08870

FIRKANTIKE OYSYES UN MUFTIM

Abraham Sutzkever

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



גאָלדענע קייט

אַברהם סוצקעווער

פירקאַנטיקע אותיות און מופתים

פאַרלאַג די גאָלדענע קייט
תל-אָביב 1968

אַברהם סוצקעווער. פירקאַנטיקע אותיות און מופתים
לידער און פּאָעמעס 1964–1967
פאַרלאַג די גאָלדענע קייט. תּל-אָביב. ישראל
פּאָרטרעט פון דיכטער - מאַרק שאַגאַל

ABRAHAM SUTZKEVER
FIRKANTIKE OYSYES UN MOYFSIM
POEMS 1964 - 1967
Portrait of the Poet - Marc Chagall

©

Published by DI GOLDENE KEYT
Printed in Israel 1968 נדפס בישראל

נסדר בדפוס "מונולייז", רח' תובל 15, רמת-גן
נדפס בדפוס מונופרס בע"מ, רמת-גן

בײַם פֿײַער־שפּיגל

דער קראַנקער פּאָעט צו זײַן חבר

מוזיק פון יסורים. ווער איז דיריגענט?
פאַר וועמעס וועגן שפּילן זיי קרעשטשענדאָ?
צי וועלן שפּעטער אַפּלאָדירן הענט?
ווער זענען זיי און ווער איז דיריגענט?
איך וויל אים זען דאָ.

מע זאָגט ניט אָפּ זײַן אײנציקן פאַרלאַנג
אַ מערדער אויך, פאַרהאַקטן הינטער שלעסער.
איך וויל אים זען דעם דיריגענט שוין לאַנג,
זײַן שטעקעלע, דאָס וויס איך, איז אַ מעסער.

און בלויז דאָס מעסער איז אַצינד רעאַל,
פאַרגאַנגענהייט – אַ שײנע זאַבאַבאָנע.
די פּנימער פון לײם אין שוואַרצן זאַל
געהערן שוין צו גאָר אַן אַנדער זאָנע.
אַפילו זי איז מער ניט זי: אַן אָפּגעשיידטער שטראַל.
איך רוף זי שוין אין האַרצן: מײַן אַלמנה.

מעת־לעתנווײַז עס פּאַכט דער דיריגענט.
אין זײַנע סליאַדן
גענענט
מײַן קינדהייט, אויסגעפּוצט אין זילבערנע כּתב־ידן.

צי וועלן אַפּלאָדירן הענט
באמת –
דאָס ווייס איך ניט. ווען כ'וואָלט געקענט
אַ סימן געבן: ווייסטו מאָרגן וועמעס
באַגריסנדיקע צי געליימטע הענט.

מעת־לעתנווײַז עס פּאַכט דער דיריגענט.

1966

ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן

איך בין אַלט געווען דעמאָלט, ווי איצט ביז די קני,
ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן.
נאָר די צײַט איז געשטאַנען פֿאַר מיר אויף די קני,
ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן.

צוליב מיר איז געשווומען אַ שטרויענער דאַך,
מיט אַ האָן אויבן־אָן אויפֿן שטרויענעם טראָן,
און זײַן קוקעריקו און זײַן גאַנצער פֿאַסאָן –
עלעהיי אַ ציגײַנער.

יאָרן שפּעטער, ווען ס'האָט מיך געטראָפֿן דער שלאַק,
איז געוואָרן מיר קלאָר, ווי אין חלום אַ האַק,
אַז דער דאַך איז גאָר מײַנער, איז מײַנער.

צוליב מיר איז געשווומען אַ דעמב, ווי אַ שׂררה,
און זיך אויסטאָן געוואָלט פֿון זײַן קופּערנער קאָרע.
האָט מיט באַקצײַנער־וואָרצלען פֿאָרויס – מיטן טײַך זיך געלאָזן.

יאָרן שפּעטער – געזען אים אין אַפֿריקע שווימען געשווינד
צווישן גראָזן,
אין געשטאַלט פֿון אַ לייב נאָך אַן איבערגעציטערטער הינד.

נאָר געווען בין איך איינס אויף אַן אמת מקנא:
ס'איז געשווומען, ווי אונטערגעשאָסן, אַ פּיאַנע.

און אויף איר האָט געכליפּעט שאָפּען, ווי אַ רעגן,
ווען דער טײַך איז אַרויס פון די ברעגן!

יאָרן שפּעטער באַנומען דעם סוד, אַז די פּיאַנע אין שקיעה,
מיטן שוואַרצן געבויגענעם פליגל באַגלייט פון אַ קריִע,
איז געווען גאָר אַן אָרון, מײַן גורל אַנטקעגן –

איך אַליין בין שוין דעמאָלט אין אָרון געלעגן,
ווען דער טײַך איז אַרויס פון די ברעגן.

1966

באַלאַדע פון איינציקער שורה

"אין רויטן שײַן פון מײַן צעגליטן האַרץ" -
אַן אַלטע שורה
אַרויסגעבליט פון סאַמע האַרץ אין יונגשאַפט מײַנער
ערגעץ
אַהינטער שלאַכטפעלדער פון צײַט,
פיר צענדליק יאָר צוריק,
און איינציק זיך געראַטעוועט
אָן שוועסטער, ברידער, קרובים -
"אין רויטן שײַן פון מײַן צעגליטן האַרץ",
די איינע שורה
האָט פלוצעם אויפגעגילגולט,
ווי אַ מת וואָס קומט צו חלום
און לאָזט סיגיאַקעס אויפן האַלדז.
זי וועט מיך ווען דערווערגן.

- - אַן עפּלסאָד בײַם טײַך.
די עפּל רײַסט מען ניט. זיי פאַלן
פון זייערטוועגן. און זיי פאַלן דווקא אויפן ייִנגל
צעווישן ראָזן פויגלמילך
בײַם גרינעם עק פון זומער.
ניט שייך דעם ייִנגל פרעגן,
ווייסן ווייס איך גוט הלמאַי
ער פלאָנטערט זיך אַרײַן
צעווישן פויגלמילך דעם ראָזן
אַרומגעזוימט מיט בלעזלדיקער קראָפּעווע -
אַהין צו
וועט קיינעם גאָר ניט אײַנפאַלן אים זוכן.
און דער עיקר -
קוים בײַסט ער אָפּ פון פויגלמילך אַ שטענגל,
פאַרשיכורט אים אַ זיסקייט אַזאַ

וואָס קען דערמאָנען
אין זעלבן פרישן, פליסטערדיקן ריח
פון זוזע דעם אַפטייקערס טאָכטער מיט די קליינע ליפּן.

דער מיידלס ליפּן זענען פּיצל קליינע.
אַ קאַפּ ניט גרעסער פון איר וואַרעם, צוגעזשמורעט אויג.
פאַרשטיי איך ניט: ווי שפּאַרט פון זיי אַרויס אַזוי פיל קושן?

דער עפּלסאָד, אַז ער איז גנעדיק,
טרייסלט אָפּ די עפּל,
אַ יאָר אַ גאַנצן דאַרף איך בענקען ער זאָל עפּלען ווידער.
און זוזע דעם אַפּטייקערס טאָכטער מיט די קליינע ליפּן
געשאָנקען האָט מיר נעכטן אָוונט
אַ ל ע אירע קושן.
און וווּנדער שבווּנדער-אָט־אָ לויפט זי שוין מיט נייַע.

נאָר לעצטנס איז מייַן וואַרטעניש אין עפּלסאָד אומזיסט.
איר טאַטע, זוזע דער אַפּטייקער, איז מייַן גרעסטער שונא.
געוואַלדינקעס, פאַר אַלעמען פאַרמאָגט ער יע רפואות,
און איין מאָל אין אַ שמיטה פאַר זייַן אייגן לייַב און לעבן -
ער האָט ניט! קיינער האָט ניט. ס'איז ניטאָ אַזאַ אַפּטייק.
איך ווייס: בכיוון
האַלט בייַם שטאַרבן זוזע.
פאַרגינט מיר ניט זייַן טאָכטערס גאָב און גוטס,
וואָס הערט ניט אויף צו זעטיקן מיט הונגער.

כ'האָב אויסגעזויגן שוין דעם גאַנצן פויגלמילך פון סאָד,
פאַרביסן אַ פאַרגעסניטל,
געטונקט אין רייניע טרערן,
מיט קראָפּעווע געטריבן פון באַהעלטעניש מייַן שאָטן -
עס העלפט ניט.
רויטע, רונדע שניטן,

פליסטערדיקע, זיסע,
צעשנײַדן מיר דעם אָטעם.
און פאַר די אויגן שימערן און טונקלען זיך אײַנצײַטיק
שפּעטזומער־פּעדעם,
די וואָס האָבן אונדז פאַרהילט, באַשירעמט.

און חלום־צײַט –
ערשט דעמאָלט הייבט זיך אָן די אינקוויזיציע.
איך גנבע דורכן קוימען זיך אַרײַן אין אַן אַפּטייק.
די נאַכט איז פול מיט פלעשעלעך און סלאָיען.
עס דרימלען אויפן הענגלאָמפּ מידע ריחות.
אַ ציטערדיקע וואָג פון דינעם זילבער אויפן טיש.
כ׳טו אויס די שיך. די פּיאָלעטע שטילקייט זאָל ניט הערן.
אַצינד וועט קומען היילונג צו מײַן בענקשאַפט.
איך שאָטן אָפּ אַ פלעשל נאָך אַ פלעשל פון די ווענט
און גיס אַרײַן די היילונג אין אַ דימענטענעם בעכער.
אַ פײַערדיקע פלאַש איז אײַנגעזאַפּט הינטער גלאָז
און ס׳טאַנצט אין איר אַ שיכּורער סקעלעטל.
און זע נאָר, אַ געזונט צו אים, ער העלפט אַפילו מישן
ס׳געטראַנק וואָס וועט מיך אויסלייזן פון ליבשאַפט.
נאָר בעת־מעשׂה
כיכיקעט ער צו מיר אַזוי צו זאָגן:
– נאַכטאַל, מײַן האַר, אַרײַנטאַנצן אין דיר?
דערלויב מיר בעסער
צוזאַמען מיטן בעכער אין דײַן האַנט
אַרײַן אין זו –
אין זוז –
אין
זו
זע,
זי
זע,
זוזע דעם אַפּטייקער – –

דער בעכער שערבלט זיך פונאַנד אויף דר'ערד
מיט זעלבע קלאַנגען,
ווי בעת די מאַמע כּשרט פאַרן שוועל
אַ טאָפּ אויף פּסח
מיט אָנגעברענטע שטיינדלעך
אין זיין זידנדיקן וואַסער.

עס ברענען אַלע פלעשלעך. ס'ברענט מיין מויל. מיין שעוועליורע.
צעשמאָלצן ווערט דער הענגלאָמפּ ווי אַ ליכטל אייז אין מאַרץ.
מיט וואַסער לויפט די טאָכטער... נאָר זי לעשט ניט איין די שורה:
"אין רויטן שיין פון מיין צעגליטן האַרץ".

1966

די רייד פון מאַעסטראָ

אַ זונרויז אָנגעפּיקעוועט מיט קערלעך - איז דער זאַל
געהאַנגען איבער דעם קלאַוויר. ווען מײַנע פינגער זענען.
פאַרטרונקענע מיט ספּירט וואָס האַלט אין ברענען,
געלאָפן איבערן געביין דעם ווײַסן פון שאָפּענען.

אַזאַ נאָקטורן האָב איך ניט געשפּילט אַ לעבן־לאַנג.
אַזוי האָט קלאַנג מיט קלאַנג נאָך קיין מאָל ניט געוואָלט זיך מישן.
און פּלוצעם האָט אַרויסגעצינגלט פון קלאַוויר אַ שלאַנג:
- אַ קינסטלער ביסטו? שפּיל אויף שטיינער, ניט אויף קיין קלאַווישן!

די זעלבע נאַכט בין איך פאַרשוווּנדן פון האָטעל, פון שטאָט.
די זעלבע נאַכט בין איך געלעגן אויף אַ פעלד. און קיינער
האָט ניט געהערט מײַן שפּילן, אויסער גאָט.
געשפּילט האָב איך אין יענער נאַכט אויף שטיינער.

1964

קײַקלען שטײנער

קײַקלען שטײנער, אָט איז מײַן עבודה.
אײנעם און אַ צװײטן און אַ נײַנטן...
געבן זײ אַ טרײסל און אַ הוידע,
שטײנער אײַנגעװאַקסענע
אין מײַנע װילדע הײַנטן.

אונטער אײנעם װאָס געפֿין איך? - װערעם.
פּיאָלעטן גאָרנישט אונטער צװײטן.
אונטער דריטן שלאָגט אַ קאַלטער
װײַנקװאַל פֿון אַ כּרם.
קײַקלען שטײנער.
קײַקלען שטײנער.
שלעפּן זײ מיט קײטן.

אונטער שטײנער האָב איך שױן געפֿונען
קניִענדיקע זאַנגען, יוספֿס העמדל,
אויסבאַהאַלטן פֿון מיליאָנען זונען -
יענעם בוים, װאָס איז דערװײַל אַ זעמדל.

קײַקלען שטײנער ניט בלויז פֿונעם באָדן.
שטײנער שװעבן אין די נעכט. ניט װײניק
אוצרות אין דער הוילעניש געלאָדן.
קײַקלען שטײנער,
ביז די צײַט געפֿינען
אונטערשטײניק.

1965

איך לייג אַליין זיך ווערטער

פֿאַר שלמה ביקל צו זײַן יובל

איך לייג אַליין זיך ווערטער אויפֿן וועג צו זיך אַליין,
באַזיגן מײַנע פֿרײַנד איז דאָך ניט נייטיק,
ס׳באַגלייט מיך ס׳פּנים פֿון דער צײַט: אַ זעג מיט רויטע ציין,
אַ ווייטיק וואָס איז אויסטערליש דעם ווייטיק.

איינמאָליקע אַנטפּלעקעניש: דם און ים און יאַמב,
פֿון זיך־באַשאַפֿענע, אומהיימלעך וואָרע.
מײַן אייגן וואָרט איז מיר צו מאָל אַ שׂונא צי אַ דאַמב,
נאָר אויסער אים וועט קיינער מיר ניט מאַכן קיין אַזכּרה.

איך לייג אַליין זיך ווערטער אויפֿן אימהדיקן וועג
און פֿאַל, און דעק זיי צו מיט מײַנע טרערן,
אַז אונטערזעגן זאָל ניט קענען קיין מאָל זיי די זעג,
און זייער זײַן זאָל אַלעמען געהערן.

1965

ליד וועגן צוויי מלאכים

אויב דער מלאך פון טויט איז נאָך אַלץ טויזנטאויגיק –
ווי פלאויגיק דאַרף זיַין שוין דער מלאך פון לעבן,
צו דערזען אים אין שפּיגל, אין שפּאַלט פון אַ טיר,
אָדער גאָר אונטער טינטפלעק פון בלעטל פּאַפּיר?

אונטער טינטפלעק עס צוקט זיַין שוואַרצאַפּל. דערווײַל
מיט אַ וויִע באַצויגן – – און ס'איַילן גאַלאָפּיק דערנעבן
אויפן זעלבן פּאַפּיר, אַ מײַל נאָך אַ מײַל,
דײַנע ווערטער. און ס'יאָגט זיי מיט נאָך מער געאײַל
טויזנטאויגיק דער מלאך פון טויט,
ווי פלאויגיק – דער מלאך פון לעבן.

1965

דער קינסטלער

אַ קינד פון זעקס. אין האַנט - אַ שוואַרץ־געשפּיגלטער פּוטליאַר,
ווי נאַכטיק וואַסער. נאָר ס'איז טאָג.
און לענגער פון זײַן שאָטן
עס דרימלט אינעווייניק אַ באַשעפעניש, אַ פידל.
אַ שווערע פידל, און אַ גרינגע רוחניותדיקע וואָג.

דער מאַן פון זעקס איז האַר,
איז האַר,
איז האַר.
דערוועג זיך ניט זײַן וועג צו צוימען, פענטן.
באַשײַמפערלעך צו זען: עס טראָגט דער האַר אין אַ פּוטליאַר -
אַ זאַל אַפּלאָדיסמענטן.

1965

ערב טאָג

ס'איז ערב טאָג, ווי ערב אַ קאָנצערט אין טונקל גרויען זאַל.
דער מאָרגן־שטערן איז דערוויַיל נאָך קענטלעך.
און ערגעץ וועקן זיך שוין טרילערס דרימלענדיק אין טאַל
און סטראָיען אָן באַזונדער און צוזאַמען אינסטרומענטלעך.

ס'וועט באַלד אַ סטראַדיוואַריוס אין זיַין אורמאָדעל, און אַלט
כמעט ווי דער וואָס האָט אים אויסגעטרוימט אין זיַין געשטאַלט,
אַ שפּיל טאָן מיט אַזאַ מתיקות, אַז די זון די שווערע
פאַרלירן וועט איר וואָג
און ווערן טאָג.
און זי אַליין וועט קומען, זי - די זון - צו דער פּרעמיערע.

1967

אַ חלף אונטער זײַד

די בלאָנדע יוגנט איז נאָך אַלץ נאַיִװ
און בלײַבט די זעלבע יוגנט אויף דער עלטער.
אַ סימן: איך האָב הײַנט געזוכט אַ בריװ -
באַהאַלטענעם גן־עדן־װײַן אין קעלטער.

נאָר צװישן הונדערטער איז ניט־ניט־ניט
דער אײנציקער געװאָרן מיר נתגלה:
פֿון יענער הינד װאָס איז אין מײַן געבליט
אַרײַנגעשפּרונגען פֿון אַ װילדער סקאַלע.

אַ שאָטן איז געװאָרן װײַס װי קרײַד.
צוזאַמען מיטן בריװ איז ער פֿאַרשװוּנדן.
און ערגעץ האָט אַ חלף אונטער זײַד
געבענקט נאָך פֿאַרמלחמהדיקע װוּנדן.

1964

מייַן תּפֿילה

שענק מיר ווערטער וואָס געשאָנקען האָסטו זיי ניט קיינעם,
ווערטער ניט פֿון דאַנען, דין־געאָדערטע קול־דממהס.
קענען זאָל איך שמועסן מיט מייַנע טויטע שכנים,
ס'זאָלן זיך צונויפֿשווייַגן ווי ליפּ צו ליפּ - נשמות.

כ'האָב שוין מער ידידים יענעוועלטיקע ווי אויבן.
זיבן מאָל פֿאַרבערענטע אויגן זענען אַלץ נאָך אָפֿן.
שענק מיר ווערטער, ווי דו שענקסט דעם ווייַנשטאָק זייַנע טרויבן,
טויטע שכנים זאָלן בענטשן: בורא פּרי הגפן.

1964

צו רחל קאָרן

"דער ווינטער איז אַרײַן אין מײַנע ביינער די צעבראָכענע" –
אַ שורה פון אַ בריוו. דו האָסט אַוודאי
ביַים שרײַבן ניט געקלערט, אַז אָט דער ווינטער פון קאַנאַדע
וועט אויך אַרײַן אין מיר, אין מײַנע ביינער.

אַ שורה פון אַ בריוו. און זי איז הערשערין: איך בלאָנקע
אַ וואַרעמע ישׂראל־נאַכט און קום צו דיר, צום ווינטער,
און ווייס, פאַר וואָס עס זענען וועלט־פאַרשנייט אי פעלד אי לאָנקע:
ס'איז ווינטערצײַט פאַר קאָרן־לידער אונטער שניי געווינטער.

אַ וואָלף מיט צאַנקענדיקער צונג פאַרפעטליעט זײַן געוואָי
אויף זיך אַליין פון עלנט. נאָר זײַן פערלדיקע פאַרע
צעשמעלצט דעם שניי. דער פרילינג עפנט אויגן ערדיש בלוי:
געלויבט זאָל זײַן די מאָלערישע מראה –

דער ווינטער קריכט אַרויס פון דײַנע ביינער די צעבראָכענע,
די ביינער גאַנצן זיך צונויף אין סטראָפן
אַזעלכע זיוגדיקע, מזל־ברכהנע,
און סופן זוניקן אַרויס געזאַנגיקע אין־סופן.

1967

איינמאָליקער ספּעקטאַקל

דער וועכטער האָט געמיינט, איך בין פון יענע
וואָס ווינען אויף די ווענט. בין צווישן זיי
אַ פּראָפיל־אָן־אַ פּראָפיל, צי אַן אָקס אויף דער אַרענע,
און בין געבליבן אַרעסטירט אין שטאָטישן מוזיי.

וואָס טוט זיך אין דער פינצטערניש, אין אירע
שוואַרצאַפּלען ווו עס בליט דער רויטער מאָן?
געוואָלט האָט עמעץ איך זאָל זײַן אַ רואה־ואינו־נראה
און זען אום האַלבער נאַכט ווי די מיסטעריע הייבט זיך אָן:

אָט קומען פּענדזלען אײַנגעטונקט אין פאַרבן
און מעסטן בילד נאָך בילד אָן קיינעמס הענט,
פאַרלענגערן אַ שמייכל, גיבן צו אַ גאָלד אין קאַרבן,
און גיבן צו אַ סוד בײַ די, וואָס ווינען אויף די ווענט.

אַ פּענדזל פּרוווט קאָלירן, ווי קלאַווישן
בײַם אָנהייב פון קאָנצערט אַ ווירטואָז.
אַ צווייטער זוכט אַ בלויקייט וואָס מע קאָן זי מער ניט מישן,
אַ דריטער אָטעמט־אײַן די תּפילה פון געשניטן גראָז.

מוזיק פון צמחים, וואַסערן, בהמות.
פאַרזייט איז שוין מיט מזל דער פאַרזיי.
און ווײַל איך האָב געזען ווי גײַסטער זאָרגן פאַר דער שלמות –
אַ דאַנק דעם וועכטער וואָס האָט מיך פאַרשלאָסן אין מוזיי.

1964

וואַן־גאָג צו זײַן שוועסטער

די שטערן וויל איך מאָלן. בלויז די שטערן.
מע האָט זיי קוים געמאָלן, מע קאָן די ברואים ווייניק.
זאָל יעדע רויטע האָר פון באָרד מיר ווערן
אַן אויג און זיי דערזען, און מיט דער שענסטער פון די שטערן
פֿאַרבלײַבן זאָל איך אייניק.

דערציילן וויל איך דיר אַ סוד, מײַן שוועסטער ווילהעלמינע:
באַשערט איז מיר צו ליבן אַ ניט־ערדישן געשלעכט.
און דאָ, ווי דאָרט בײַ דיר אין טוליפּאַנישער מדינה -
פֿאַראַן בלויז מינים צוויי, ווי טעג און נעכט.

מיר האָבן טאַקע מילך געזויגן פון דער זעלבער מוטער,
נאָר אַנדערש איז מײַן מילכוועג צו די שטערן און איך ווייס ניט:
באַגלייט אַהין אַ מלאך? אַ ניט־גוטער?
און אפשר גאָר די משוגעת? איך ווייס ניט.

די שטערן וויל איך מאָלן. זייער שײַנענדיקן ריח.
געשפּאַנט מײַן פּענדזל ווי אַ פֿײַל. איך וועל אים באַלד אַ לאָז טאָן,
אַז ערד זאָל זיך צעשטערנען, און שטערן - אַ צעגראָז טאָן,
ביז בלײַבן וועל איך קאַלט אויף מײַן פּאַליטרע - מײַן מזבח.

1967

שאַגאַלישע ווערטער

א

– מײַן קרוין איז אַ פרישע פּאַליטרע פון רויזן.
און ווען אויף דער ייִדישער גאַס האָט מײַן האַר מיך געקרוינט,
געווען בין איך ייִנגער פון זייער פאַנטאַסטישן ריח.

און דעמאָלט, מײַן פרײַנד, האָב איך אַטעמווײַז, טרערנווײַז,
בויען גענומען מײַן תּפילה
פון ליניעס צעבראָכענע,
איבערגעשניטענע שמייכלען,
קאָלירן און פאָרמען וואָס דרימלען אָן לשון
אין זריעה, אין שטיינערנע ליפּן.

באַנאַנד מיט דער תּפילה האָב איך זיך געטראָגן מיט שני
איבער הילצערנע וואָלקנס
און מיטגעשלעפּט מיט־זיך דעם אָפּגרונט
כּדי ניט צו פאַלן.

אַז כ'האָב זיך געפרעגט: צוליב וואָס? צוליב ווען?
האָב איך תּיכּף דערפילט אַז מײַן אויער
איז דורכגענאָלט: "ביסט אַ געקרוינטער, און ביסט אַ געשלאָגענער קנעכט".
און אַלץ וואָס איך טו און וועל טאָן ביזן לעצטן טיק־טאַק,
ביזן אויסטאָן –
אַפילו דערנאָך
(אויב ס'וועט לאָזן די אייביקייט לעבן),
באַשטייט בלויז אין דעם, ס'זאָל חלילה ניט וויאַנען
די פרישע פּאַליטרע פון רויזן.

ב

אַ גלײַכע נאָדל פון יונגן פאַרטאָג אין צעפרוירענעם קאָם פון אַ האָן–
האָט אויפגעוועקט אויך און דערוואַרעמט מײַן פּיצל נשמה.
דער מאַמעס אַ זילבערנער הערינג אין שטוב, אויף אַ טעלער,

דערגעבן האָט זאַלץ דעם לבנה־קאָליר פון מײַן קינדהייט,
אַ היימישן טעם אַ געשמאַקן צום שניי אין דער פרעמד.

מײַן בלוי איז ניט מײַנס –
אַ מתּנה פון פרילינג,
פון איר –
מײַן בלויאויגיקער כּלה.

מײַן כּלה, מײַן כּלה,
איר העמד איז געוואָרן מײַן ליַיוונט.
ניט רעגן, ניט ווײַן, אירע כּלהשע טרערן די זיסע,
זיי האָבן באַגאָסן מיט זון
מײַן פּאַליטרע פון רויזן.

פּאַרמישט און פּאַרקנאָטן אין בילדער
איז איצטער מײַן כּלה.
זי שמייכלט אַרויס פון איר וואַרעמען העמד –
פון מײַן ליַיוונט.

ג

עס קומט ניט קיין דאַנק אַ געקרוינטן, געשלאָגענעם קנעכט,
ווי ס'קומט ניט, אַ שטייגער,
אַן עפּלבוים
זאָגן אַ דאַנק פאַר די עפּל.
זײַ עכט
ווי די ערד. ווי אַ ליימענע גרודע.
זאָל קומען אַ זייגער,
זאָל קומען די צײַט צו דײַן סעודה.
און דאַוון מיט בילדער.

און חלום אַלץ ווילדער,
כּל־זמן -
האָסט ליב ווי די כּלה דײַן לײַוונט,
באַיאָרנטער מאַן.

אַזאַ איז דער זינען,
אַזאַ איז די ליבע.
מיט איר איז קיין טויט ניט פאַראַן.

ד

מײַן דימענט איז טונקל. עס וווינען אין אים טאַטע־מאַמע,
ער פינקלט מיט זייערע טרערן, מיט זייערע ליידן.
ס'האָט ליבשאַפט ניט ליב אַז עס מאַכן איר ליפּן רעקלאַמע,
פאַרשלאָסן זאָל בלײַבן אין דימענט מײַן בלויער גן־עדן.
ס'געהערן צו מיר זײַנע סודות און זײַנע רמזים,
די פאַרבן, נאָך איידער זיי זענען געוואָרן סימבאָלן.
ווען וועלן אַ מלאך צעשנײַדן דעם דימענט - איך לאָז אים,
אַ שטובּיקער מלאך, מיט אייגענע פינגער געמאָלן.

מײַן דימענט איז טונקל.

ה

תּנך. שעקספּיר.
ס'איז באַלד גענוג.
און אויב רעמבראַנדט איז נאָך צוקאָפּן, ווי די זון צוקאָפּן -
איז פול דער קרוג.
וואָס פעלט?
ניט מער אַ קאַפּעלע, אַ טראָפּן,
צו שלמות פון דער וועלט.
און יעדער קינסטלער גיט בלויז צו, אַ לעבן־לאַנג, וואָס פעלט,
אַבי ס'זאָל זיך ניט אויסלאָזן אַ טײַך פון יענעם טראָפּן.

ו

אַ מורא צו ריידן. קוים לאָזסטו אַרויס פונעם פענדזל
אַן איבעריק פּינטעלע,
אָדער אַ גרילציקן שמיר –
פֿאַרמאָלסטו זיי גלײַך און עס בלײַבט ניט קיין סימן, קיין זכר.
נאָר לאָזסטו אַרויס פון די ליפּן אַן איבעריק וואָרט –
איז ניטאָ נאָך דערווײַלע, מײַן פרײַנד, אַזאַ פּענדזל,
צו קענען אים אָנײאָגן ערגעץ און האַסטיק פֿאַרמאָלן.
פון דעסטוועגן זאָג איך: ס׳באַפאַלט מיך ניט זעלטן אַ תּאווה
זיך אָנטאָן אַ שטריק אויף די לענדן,
פֿאַרוואַרפן אַ טאָרבע,
אַ נעם טאָן אַ דעמבענעם שטעקן אין האַנט ווי מײַן זיידע,
און היידאַ, אַוועק איבער שפּיציקע דעכער און וואָלקנס,
צוזאַמען מיט אַלע קאָלירן וואָס ברענען אין גלות,
צו מײַנע וויטראַזשן,
באַשירעמט פון ירושלימער שטײנערנע פּאָלעס –
אַהין ווו עס זענען מיט פרייד עולה־רגל די זעלביקע אמתע שבטים,
און טרינקען צוזאַמען דעם ריינעם תּנכישן אָטעם.

1966

בײַם פֿײַער־שפּיגל

אַ ווינטערנאַכט. אַ קלײנע ווילע. אויסגעהויכטע מעבל.
דער מאָלער וויל הײַנט זײַן אַלײן. ס׳איז נאָכן יובילײ.
אַלײן מיט זײַנע לײַוונטן. וואָס מאָנט פֿון אים דער פֿעבל?
וואָס טאָפּטשען אומגעבעטענע בײַם גראַטעצוים אין שנײ?

זײ זעען: ס׳איז דער קוימענרויך, אַט יענער פֿון דער ווילע –
אַ טונקל־באָרדיקער מאַגנאַט וואָס וואַרפֿט אין פֿײַער געלט.
אין ווילע בעט דער מאָלער בײַ די לײַוונטן מחילה
און קאָרמעט אָן מיט זײ דעם רויך אַזוי ווי אים געפֿעלט.

בײַם פֿײַער־שפּיגל פֿון קאַמין געבויגן שטײט דער מאָלער.
שטיל־לעבנס און שטיל־טויטן ציִען זעגלדיק פֿאַרבײַ.
אין דרויסן שטײַגט דער קוימענרויך צו זיבן נולן דאָלער!
באַנומען בוקן זיך פֿאַר אים די לײַט אַרום געבײַ.

און אינעווײניק – נעם דײַן אַלטן שאַרבן און צעממית,
אַבי אַ קאָמפּאָזיציע זאָל זײַן פֿולקום ווי אַ טרער.
בײַם פֿײַער־שפּיגל פֿון קאַמין – דער מאָלער און די שלמות.
איז מיט אַ לײַוונט ווײניקער. וואָס ווײניקער אַלץ מער.

וואָס ווײניקער אַלץ מער! עס איז אים פּשוט אַ בזיון
הלמאי אַזאַ מין פֿאָרמול ניט פֿאַרשטאַנען ביז אַהער.
וואָס טויגן שברי־כּלים? זאָלסט דײַן פּענדזל ניט געטרויען.
איז מיט אַ לײַוונט ווײניקער. וואָס ווײניקער אַלץ מער.

נאָר לאָזט זיך דען די זעלבע פֿאָרמול אָנווענדן, אַ שטײגער,
אויף זײַנע אַכציק יאָר? דאָ גילט קאַפּויער דאָס געזעץ:

וואָס מער – אַלץ ווייַן־און־ווייניקער. און זיי ניט קיין צעלייגער –
דאָ פֿאַנגסטו דייַנע יאָרן אין אַ לעכערדיקער נעץ.

דער מאָלער לאַכט. דער מאָלער וויינט. ער לאַכט און וויינט צוזאַמען
בייַם פֿייַער־שפּיגל פֿון קאַמין, ווי ס'וואָלט אין אַש געשפּילט
זייַן פּענדזל, אויסצוהאַלטן בייַ דער אייביקייט עקזאַמען.
און האָט ער טאַקע אויסגעהאַלטן – איז ניט קלאָר דאָס בילד...

1966

סיגנאַלן

מיט הונדערטסטן חוש

ביז וואַנען איך וועל דיך ניט ליבן מיט הונדערטסטן חוש
וועט בלאָנדזשען אין מידבר דער שוואַרצער סקאָרפּיאָן מיטן קוש,
און איך וועל ניט אויסטאָן מײַן הויטיקן, גרויען לבוש.

אַראָפּ מיטן ציילער פון חושים ביז פינף אָדער זעקס,
דער קמצן וואָס האָט זיי געציילט ווי פּאַרשימלט געבעקס!
וועל שענערס און בעסערס צעטיילן די הינט אונטערוועגס.

אַ פידל איז בוים און איז וואַסער און שיף און מוזיק,
ווען ס'רודערט אַהיים, אָן די גוססע פינגער, דער סמיק.
אַזוי וועל איך קומען מיט הונדערטסטן חוש צו מײַן גליק.

אַ צווײַג וועט דערציילן אַ שכן, אַז גאָט איז פאַראַן...
באַשערט איז אַ מענטשלעכן אויער צו הערן זײַן שפּאַן,
ווען קעניגן איבער זײַן גליק וועט דער עלנטער מאַן.

מיט הונדערטסטן חוש וועט מײַן צײַט, אומגעזעענער ווינט,
געפינען איר קאָסמישע פּאָרעם אין לײַבס לאַבירינט.
און ביידנס פאַרלוירנקייט וועל איך צעטיילן די הינט.

1965

ליד וועגן שײַכות

ווער ביסטו, רײנער אָטעם פֿון אַ פֿענצטער אויסגעקוואָלן,
מתּנהדיקער, לאַנג שוין וויל־באַקאַנטער, מויל־באַקאַנטער?
איך וועל דאָ בלײַבן אונטערן קבלהדיקן פֿענצטער
אַ נאַכט, אַ טאָג, אַ יאָר, אַ יובֿל יאָרן,
און תּפֿילה טאָן, אַז דו זאָלסט מיר דערמאָנען
אונדזער שײַכות.

פֿאַרבײַגײער באַקליידן זיך מיט גראָז.
אַ דור שלינגט אײַן אַ דור און ווערט ניט זאַטער.
צוזאַמען מיטן קינד וואַקסט אויך זײַן וויג און ווערט אַן אָרון.

און מיט דער זעלבער תּפֿילה, ווי אַ מעסער צווישן ציין,
באַנומען שטיי איך דאָ און לויער־לאָקער:
– דו רײנער אָטעם, ריח וויל־באַקאַנטער, מויל־באַקאַנטער,
דערצייל דעם גרויען קעניג דײַן מתיקותדיקן מקור.

און מיט אַ מאָל – פֿון גינגאָלד אַ שפּאַרונקעלע
געבוירן צום באַשיידן.
אַזוי זעט אויס די זון דורך צווײַגן טונקעלע:
די גאַס איז דער גן־עדן.

באַשאַפֿן האָט דער האַר מײַן ווינד־און־וויניקייט.
נאָר דורכגענומען האָט אים באַלד אַ ציטער:
צו ענלעך איז דער מענטש אין זײַן אַלײניקייט
צום היטער און געביטער.

בײַם עץ־הדעת טוט ער מיך פֿאַרשלעפּערן,
און דעמאָלט, מיט התמדה,

באַשאַפט ער פון מײַן עלנט אַ באַשעפערין
לויט סאַמע ערשטער מאָדע.

אין מיטן גאַס – דער זעלבער עפּל רײַטלט זיך,
און איז צו גלײַך דער ווײַטסטער און דער נענטסטער.
און אויבן אַ גן־עדן־ריח קײַטלט זיך
פון אויפגעמאַכטן פענצטער.

1964

פֿאַרשווינדן

און אפשר פֿאַרשווינדן? מקיים זײַן טאַקע
אַ נדר פֿון יאָרן, און איצטיקן מאָל
פֿאַרשווינדן פֿון ווערטער צום קול־דממה־דקה,
צום דינסטן, אין מידבר געבוירענעם קול?

כ׳וועל קיינעם ניט פֿעלן,
אַפֿילו ניט זיך.

בלויז דיר וועט אַ ראָזקייט אַ צופּ טאָן בײַם אויער –
אַ טראָפּעלע בלוט אין גלאָז טיי, אַן עסענץ.
בײַ נאַכט וועט אַ שווײַגן דיר קלאַפּן אין טויער –
סקעלעטישע בלעטער אין האַרבסטיקע טענץ.

און דו וועסט מיך זוכן
ביז מאָרגן – אין זיך.

1965

זייגערלעך פֿון פֿלייש

פֿאַראַנען זייגערלעך פֿון פֿלייש. קיין ספֿק ניט: פֿאַראַנען.
מוזיק פֿון זעונג שפּילן זיי, טיק־טאַקל נאָך טיק־טאַקל.
עס קלאַפּן זייגערלעך פֿון פֿלייש אין שטיינער, טוליפּאַנען,
אין ווערטער יעקב־לייטערדיקע, ווערטער פֿון סך־הכּל.

באַרויִקט איז מײַן גײַסט. אַ טײַך פֿאַרשלינגט אַזוי אַ שווימער,
און מענטש־געזעטיקט ווערן זײַנע כוואַליעס מילדע רינגען.
די רינגען דרימלען. וואָס געבליבן אויבן? שאַ און שימער.
נאָר אינעווייניק – זייגערלעך פֿון פֿלייש נאָך קלאַפּן, קלינגען.

ס'דערציילט אַ חוש אַזוי צו זאָגן: "אונטן איז ווי אויבן.
דערמאָן זיך: האָסט ניט ליב געהאַט אין לעבן די אידיליע".
און ווידער קלאַפּן זייגערלעך פֿון פֿלייש מיט נײַעם גלויבן:
"מיר זענען אַלע קינדער פֿון אַ קאָסמישער פֿאַמיליע".

1966

וואָס איך האָב זאָגן געוואָלט און פּאַרשפּעטיקט

וואָס איך האָב זאָגן געוואָלט און פּאַרשפּעטיקט
צווישן אַזוי פּיל באַזונדערע דירן
בלויז דיר,
וואָס איך האָב שוידערלעך זאָגן געוואָלט און פּאַרשפּעטיקט –
ווינציקער וואָלט עס געווען פון אַ צווילינגל ווערטער,
ווינציקער וואָלט עס געדויערט פון קנאַפּע סעקונדן.

וואָס איך האָב זאָגן געוואָלט און פּאַרשפּעטיקט –
זאָג איך שוין גאַנצענע ספרים, און ס'דרייען מיך,
פּײַניקן,
זונזייגערס, פולע מיט זאַמד און מיט זאַמדיקער צײַט.

וואָס איך האָב זאָגן געוואָלט און פּאַרשפּעטיקט –
זאָג איך אַציִנד אין אַ תּפֿילה צו דײַנער אַ תּפֿילה,
ביז דו וועסט געבן צוריק אַ סיגנאַל,
עלעהיי פון אַ צווייטן פּלאַנעט.
ווינציקער נאָך: בלויז אַ גראַס,
בלויז אַן אוי, לאָמיר זאָגן:
ס'לשון פון קערן אין דר'ערד, וואָס באַשאַפט זיך אַליין אַ גן־עדן.

וואָס איך האָב זאָגן געוואָלט –
וועל איך שווײַגן פאַרביידן.

1966

ליד וועגן מורא

פֿאַר חנה ראַווינאַ

זאָגט צו מיר די אויסדערוויילטע,
זאָגט און שווייַגט אַזוי:

"שרעקן זיך פֿאַר דעם וואָס אומפֿאַרמייַדלעך
איז ניט קלוג.
זייַ אַ חכם, קנעט זיך אויס פֿון שטויב אַ מענטשן
בעסער!
קענטיק אַז פֿאַראַן אַ שותפֿות
צווישן האַלדז און מעסער.
נאָר אַ שלינגענדיקער אָפּגרונט
ווערט דאָס מינדסטע שפּיגעלע,
ווען איך זע, ווי איצטער,
יענע זקנה,
מיטן ווייַסן שטעקן,
מיטן שוואַרצן, ברייטן הוט.
מאַמינקע, כ'געדענק זי נאָך אַ הויכע, שלאַנקע, שיינע –
ווּעמעס האַנט האָט זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ ליליפּוט?
נאָך אַ טאָג, אַ נאַכט, און קלענער, קלענער
וועט זי ווערן,
ביזקל קליין ווי אַ מוראַשקע
אונטערגיין
און – אויס.
ניט ווערן.
אָט פֿאַר וואָס כ'האָב מורא: פֿאַר דער קלייניקייט".

כ'האָב געוואָלט איר ענטפֿערן: עס ווערט ניט קליין אַ שטערן,
ליבעוועלדער ציִען די יניקה פֿון זייַן שיינקייט.

1966

בײַם ערשטן רעגן

וואָס טאָן מיט אַזוי פיל זכרון,
ווו אים באַהאַלטן,
פאַראָדערן,
אַז אייניקל זאָל אים געפינען? –
אין ערדקויל, אין אירע געדערעם?

רעגן, רעגן,
צעשנײַד ניט מיט זון דײַנע אָדערן,
זאָלן פון שרעק ניט אַנטלויפן די טרויבן אין כרם.

אפשר אין שפיגל אַרײַנטאָן,
אפשר דורך פייגל אים ראַטעווען?
פייגל, אותיות פורחות,
נעמט!
מײַן זכרון איז אײַער.

קאָן זײַן, אַ גוטהאַרציקער פויגל
וועט אַרײַנזינגען אים אין אַ כאַטע ווען,
און אַ מענטש וועט מאַכן אַ ברכה אויף זינגענדיק פײַער.

1966

נאָכן רעגן

פאַר אליעזר פּינעס

נאָכן רעגן, ווען מײַן היים איז אויסגעבויט פון טרערן,
דורכזיכטיק צעפינקלען זיך די ווענט פון העלער הויט –
יעמאָלט קומען אַרבעטער מיט גרינע, לאַנגע שערן,
אָפּצושערן – ועמען? – די געבויגענע בײַם פלויט
אָלעאַנדערס.

לײטערלעך פאַר ליליפּוטן. און אויף זײ פּאַוואָליע
קלעטערן פריזירער. אונטער מאַגישן געצײַג
פאַלט אין וואַסער־שפיגל, אונטן, מידע מעלאַנכאָליע.
קינדערשע גן־עדן־בלויקײט צווישן צווײַג און צווײַג
פלוצעם זעסטו.

אָפּגעשוירן שוין אַ וואָלקן. און מיט אים אַ נאַסער
עק פון רעגן־בויגן פאַלט אין זעלבן טײַכל גראָז.
ווונדער: קוים די פנימער דערקענען זיך אין וואַסער,
און די אַלטע יונגשאַפט גיט אַ וואַרעמען צעבלאָז
אירע מוסקלען.

– היי, פריזירער נאָכן רעגן! וואָס די נפקא־מינה –
אָלעאַנדער אָדער מענטש? איך ברענג צו אײַך מײַן קאָפּ,
אונטערשערן זאָלט איר זײַן צעשויבערטע טשופּרינע,
זײַנע גרויע בלעטער קעגן נאַכטיקן גאַלאָפּ,
נאָכן רעגן – –

1965

צו לייוויקן

א

צו לייוויקן וויל איך היַינט שרײַבן. ס'האָט לייוויק
שוין יאָרן פון מיר ניט באַקומען קיין בריוו.
זײַן אַדרעס? ניט פינצטערער תהום, ניט מצַביק,
כ'וואָלט וועלן אַז בלוי, ווי ס'איז בלוי תל־אָביב.

נאָר לייוויק – דער נאָמען – איז אַדרעס, איז וווּנדער,
איז דער וואָס האָט שטומקייט פון וואָרט אַזוי לאַנג
באַשווירן צו זינגען אַסקעטיש, באַזונדער,
ביז אויסגעשטומט האָט ער זײַן גוף און געזאַנג.

און דעמאָלט בירושה געטאָן אונדז פאַרטיילן
זײַן שטומקייט, זי זאָל אונדז באַשיצן דאָס מויל
מיט קלאַנגען וואָס בליִען אין מידברשע הייל,
אין מיטן המונישן, דולן געהויל.

ב

איך בין אויף ניו־יאָרקער בית־עלמין געשטאַנען
בײַ לייוויקס פאַרשנייטן געביין. און אַרום –
די דאַוונערס פון ייִדיש. פאַרפרוירענע שוואַנען.
און ס'האָט מיר געדאַכט, אַז ניו־יאָרק איז אויך שטום.

ס'באַהאַלט זיך דער טויט הינטער זילבערנע שטאַבעס.
ניטאָ קיין באַוועגונג אין ראָד און אין וואַלץ.
און ס'שלײַדערט מיט רו, ווי סמבטיון אום שבת,
ניו־יאָרק, מיטן אײַזערנעם טײַך אויפן האַלדז.

אַנשטאָט אירע מויערן – שטיינערנע וועלדער.
געליימטע אין הימל – די אָדלערס פון שניי.
און ס'האָט מיר געדאַכט, אַז עס גיט אַ באַפעל דער
פּאָעט און אויף אייביק ווערט שטום דאָס געשריי.

ג

דערציילט האָט מיר לייוויק אַ ייִנגלשן חלום:
די פֿײַערקויל האָט ער געזען, וואָס פֿון איר –
געוואָרן די ערד. און זי האָט שוין אַ מאָל אים
געבוירן אין פֿײַער בײַם ערשטן קאַליר.

און שטענדיק אַ תּיקון געמאָנט האָט די טעמע,
און דאָס איז די תּפֿילה געווען פֿון פּאָעט:
באַשערט זאָל אים זײַן וועגן דעם אַ פּאָעמע.
צי וועט ניט דערגיין ווו עס דאַרף זײַן געבעט?

צו לייוויקן וויל איך הײַנט שרײַבן. ס'האָט לייוויק
שוין יאָרן פֿון מיר ניט באַקומען קיין בריוו.
זײַן אַדרעס? ניט פֿינצטערער תּהום, ניט מצֵבֿיק,
כ'וואָלט וועלן אַז בלוי, ווי ס'איז בלוי תּל־אָבֿיב.

1966

צו לעיעלעסן

צום ערשטן מאָל איך רייד צו דיר ווי ניט צו מײַנס אַ גלײַכן.
דײַן לעבן - אָפּן־פּנימדיק, דײַן טויט - באַהאַלטן האַלט איך.
בשלום וויל איך זײַן מיט ביידן און געפינען לשון
אײנצײַטיק פאַר די צוויי באַשערטע,
אייביקע באַשערטע.

צום קעגן־מין וואָס דו האָסט אים גערופן "חבר טויט" -
באַשטענדיק בענקט דאָס לעבן. ביידע גייען זיך אַנטקעגן
צום ראַנדעוווּ,
באַשטימט נאָך בײַם געבוירן.

סיגנאַלן פון פּלאַנעטן זענען אומגעריכטע גראַמען.
פאַראַן אַ קאָסמישע אַפּטייק, וואָס שטעלט מיר צו רפואות.
איך נעם זיי אײַן, די ביטערע, און ס'ווערט באַזעצט אַ מידבר
מיט שטראַלנדיקע אָטעמס.
יאָ, דער מידבר ווערט באַפעלקערט.

נאָר אַז איך וואָלט דערזען אַ ווײַסן פליגל בײַ אַ גולן,
צי מײַנע פינגער וואָלטן מיר געוואָרן ווילדע רויזן -
איך וואָלט זיך ניט געוווּנדערט,
בין שוין הינטער אַלע ווונדערס;
נאָר דײַנס אַ וואָרט פון פינצטערניש אַנטזיגלט,
אַן אײנציק וואָרט אַז דו וואָלסט מיר אַנטפּלעקן -
צעשניטן וואָלט עס מײַן נשמה, עלעהיי אַ דימענט
אַ שווערן אָנגעקוואַלטן שפּיגל, און באַפרײַט פון דנאָ
אַ צאַפּלעניש פון פנימער און סודות.

איך בין אַן אײנס נאָך לאַנגער שורה טרערן.
דער בוים פון לעבן דרימלט אין דײַן ערד־פאַרטרויטן קערן.

1967

קמיעות צום אַנטאָן בײַם זונפּאַרגײן

א

גוט וואָס דעם ניגון באַפּאַלט ניט קײן זשאַווער,
ווען דענקמעלער ווײַזט ער אַ צונג און באַפּאַלט.
און גוט וואָס אַ חבר
איז אַלץ נאָך אַ חבר,
גרויהאָריק אַפילו –
ווערט ער ניט אַלט.

איך האָב ניט געבעטן קײן רום און קײן בראַוואָס,
נאָר ווי צו כּל נדרי – פּאַרפּאַסט זיך אַ מאָל
מיטן עלנט פון מענטש.
און געטאָן מיט התלהבות
אַ תּפילה אַזאַ צווישן ליכט און קרישטאָל:

אַ פרײַנד זאָל מיך שטענדיק דערמאָנען
ווען איך וועל אַלײן זיך פאַרגעסן.
און אַז איך וועל שלאָפן מעת־לעתן
אַ סך –
זאָל עמעץ זײַן וואַך.

מײַן טרויער און פרייד איז געקניפּט און געבונדן
מיט זיי, מײַנע פרײַנד. און ס'געשעט אַז איך שיק
מײַן שאָטן, זיי זאָלן אים שטילן די ווונדן,
און ס'קומט אַ געטרייסטער מײַן שאָטן צוריק.

דער זעלביקער פרײַנד אויף די בערג,
אין די דנאָען,

אין מידבר ווו ס׳ברענגען אים עסן די קראָען,
צי פֿאָלקיש דערהייבן פֿון זקן ווּף.

דו לערער,
דו רעטערין מײַנע,
דו גאון,
מיט פֿאַרבן געלײַען בײַם טאָג פֿון באַשאַף.

ב
דו ליכטיק לעבן, זאָג ניט פֿון געוווינהייט:
"איינמאָליק לעבט מען, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר".
דײַן פֿרײַנד איז איין מאָל שוין געווען אַ צווייטער –
צעגוסט זיך, ווי וואַקס אַנטקעגן פֿײַער.

צייל איבער דײַנע טרערן מיט אַ בלײַער, און די ריינסטע,
פֿון סאַמע האַרץ – ווו זענען? האָסט אַליין מיט זיי באַווײינט אים.
ווי ס׳בלײַבט נאָך אַ קאָנצערט אַ רויזבוקעט אין פֿילהאַרמאָניע –
אַזוי איז ער אין דיר געבליבן. עולם איז צעגאַנגען.

דו ליכטיק לעבן, נאָך פֿאַראַן מוזיק וואָס איז בכוח
מיט מים־חיים אָנטרינקען אַ בלום אַן אָפּגעשניטענע.
דעריבער זאָג ניט אַז מע לעבט איינמאָליק. ניט קיין זיגער –
געקומען איז דײַן פֿרײַנד צוריק, ווײַל טויטע זענען קליגער.

ג

און אויב אין איינזאַמקייט, אין אירע
היילן,
ווו ביינער קומען טרינקען רויטן מאָן –
פֿאַראַן אַ פֿרײַנד אַ רואה־ואינו־נראה
דיר צו היילן
דעם ביס אין דער נשמה,
ווען ס'באַפֿאַלט אַזאַ סקאָרפּיאָן.

פֿאַראַן אַ פֿרײַנד, אויב ניט אין דײַנע אייגענע פֿיר איילן,
איז ווײַטער,
הינטער כוואַליעס ניט צו ציילן,
וואָס אויסער אים –
דײַן חלום וועסטו קיינעם ניט דערציילן.

פֿאַראַן אַ פֿרײַנד, וואָס איז קאַפּאַבל
זיך מיט דיר צו טיילן
זײַן אָטעם, ווי זײַן ברויט,
אין גלײַכע טיילן.

1966

זכר לגעטאָ

אַן איובדיקס

קלעזמער, שפּיל מיר אַן איובדיקס
צו מײַן אויסגעבערנט ווײַסן געביין,
וואָס צוקט אין דער טונקל מיט גליִעוודיקס
און אַ פּאַרמעט צווישן ציין.

די אותיות מורמלען דאָרט קענטיקע,
ס׳באַווייַנט זײַן געליבטע – אַ גראַם:
איך לייען מײַן אייגנהענטיקע
צוואה אויף יענער זײַט ים.

1965

אין בלויע העמדער

אין בלויע העמדער - אָנגעטאָן ווי גלעקער ביז די פּיאַטעס,
געבונדן אײנער צונעם צווייטן פֿאַר די הענט מיט שטריק -
אַזוי מאַרשירן דורך דער גיהנום־גאַס פֿון מײַן זכּרון,
פֿאַרבײַ דער גרינער בריק,
צעקרימטע, גאַל־געפּלאַצטע כּאַטעס,
צעווישן בלאָנדע ביקסן און זיך צלמדיקע גויִים -
אַזוי מאַרשירן יאָרן, יאָרן, יאָרן,
פֿון דולהויז צו דער געטאָ - קראַנקע ייִדן, משוגעים.

אַ שטיוול האָט מיך צווישן זיי אַרײַנגעשטויסן, ווער איך
אַ ביין פֿון זייער ביין. אַ טרום פֿון זייערע געהירן.
און גוט איז מיר אַצינד. גוט־מאָרגן. אשרי תּמימי דרך.
בין אָנגעטאָן אין זעלבן בלויען העמד. און אויף די הענט -
אַ שטריק. זי וועט אונדז אַלעמען שוין פֿירן
צו נײַע טויערן, צו נײַע ווענט.

אַזאַ צונויפֿגעטוליעטקייט מיט ייִדן איז אַ זכיה.
האָב קיין מאָל ניט געפֿילט אַזוי די ייִדנפֿרייד אין צער.
סוף־זומערדיקער בלוי. און אויך משיח אונדזער האַר
מאַרשירט אין זעלבן העמד וואָס אַלע, בלוי ווי די ווילִיע.

ס'איז יעדנס קאָפּ אַן אָפּגעגאָלטער, גאָלער.
נאָר ס'פּנים - אַ פֿאַליטרע נאָך אַ ווילדן, טויטן מאָלער.
נאָך אָטעמען פֿאַרטריקנטע, ניט־אויסגענוצטע פֿאַרבן,
אַ שאָטן פֿון אַ פּענדזל טאַנצט אַרום אויף זייער שאַרבן.

אַזוי מאַרשירן דורך דער גיהנום־גאַס פֿון מײַן זכּרון,
פֿון דולהויז צו דער געטאָ - משוגעים, אין אַ פּרעמדער

יענוועלטיקייט, אין לאַנגע, בלויע העמדער,
אַזוי מאַרשירן יאָרן, יאָרן, יאָרן.

און דאַנקען דאַנק איך היַינט ווי דעמאָלט פאַרן זכות און כּבוד
צו זיַין מיט די געפאַלנסטע געבונדן און געקאָוועט,
מאַרשירן אויפן ברוק מיט זיי צו געטאָ און צו שיַיטער,
אַבי וואָס ווײַטער,
אַבי צו זיַין וואָס ווײַטער
פון דיַיטשן.

1966

איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן

איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן דעם פֿאַרגעסענעם.
איך קאָן אים
אַפֿילו ניט געדענקען: מיט אַ טלית אויפֿן פּנים –
אַ גוסס אַ צעטראָטענער אויף ברוקשטיין פֿון סטראַשון־גאַס.
ביז וואַנען פֿון לבנה־גאַס ווערט אומזיניק אַ זונגאַס.

איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן דעם פֿאַרגעסענעם.
און וויפֿל
באַשערט איז מיר געדענקען אונטער טשוועקעס פֿון מעת־לעתן?
פֿאַרזונקען שוין זײַן ריפּן־שיפֿל מיטן האַרץ אין שיפֿל.
און אויך זײַן האַנט וואָס קנײַפּט אַ וואָלקן לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן.

אַ פֿאָלק, צונויפֿגעשפּיליעט אין ווײַסהאָריקער בהלה
מיט זיכער־נאָדלען געטלעכע פֿון שרעק! און דער באַשאַף
באַהאַלט זיך אין די שמוצקאַנאַלן פֿינצטערע ווי סמאָלע.

די האַנט וואָס קלעטערט אויבן נע־ונדיש
און קנײַפּט אַ וואָלקן –
וויל זיך מיטן וואָלקן ניט צעשיידן:
– ייִדן, שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע, גיט אַ תּקיעת־כּף,
אַז קיינער וועט נאָך מיר ניט זאָגן קדיש.

איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן דעם פֿאַרגעסענעם.
אַ ווײַלע
צוויי געטאָ־פּלעקן בלײַבן שטיין געבויגענע דערנעבן:
– פֿאַר וואָס ניט זאָגן קדיש? – פֿרעגן ביידע אים אַ שאלה.
די האַנט וואָס קנײַפּט אַ וואָלקן ענטפֿערט ביידן:
– ווײַלע, ווײַלע
איך – וויל – נאָך – לעבן –

1966

ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן

פֿאַר אהרן צײטלין

ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן אין בשׂמימדיקן פֿלאַטער,
פֿון אײלבערטענע צפֿון־בערג ביז קופּערנאַכט אילתער.

ווי ברענענדיקע בינשטאָקן מיט האָניק אין די פֿונקען,
און קינדער שפּילן זיך דערבײַ אין אײַער זון פֿאַרזונקען.

אָ, ועמעס טרערן װײנען איצט אַרױס פֿון מײַנע, װעמעס?
פֿון װיפֿל טײלן טויט און לעבן שטעלט זיך אויף דער אמת?

ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן בײַם ניעמאַן און ווילִיע – –
און ווו אַ לאָנקע בלײַבן ווײַסע בײנדלעך נאָך דער שקיעה.

צעשמאָלצן ווערט דער זיפּצנדיקער שניי פֿון אירע זודן,
און ס׳בליִען בלויע אײגעלעך אין פּאָר, אין פּאָר ווי יוד׳ן.

און ווי דאָס פֿײַער יאָגט זיך נאָכן רויך און וויל אים פֿאַנגען –
אַזוי אַן אָטעם זוכט זײַן יונגן מויל וואָס איז פֿאַרגאַנגען.

ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן! געבליבן איז פֿון זאַמעט
אַ תּפֿילין־זעקל אויף אַ צווײַג מיט קריעה־ריס אין סאַמעט.

מײַן ווילנע איז אַרײַן אין פֿײַער, שטאָט נאָך שטאָט אין פֿײַער,
און איר, אַנטקעגן סיני־באַרג, זענט יענעם אַש מטהר.

און קינדער שפּילן זיך דערבײַ, און ס׳האַרץ – אַ ווידערשפּעניקס,
און ס׳פֿלאַטערט אויך אַרויס פֿון אײַך מײַן טעכטערל: אַ פֿעניקס.

1966

דער פּאַפּירענער וואַלד

ווען מײַן בריוטרעגער קומט ווי אַ מלאך מיט אײנציקן פליגל,
און זײַן פּנים - אַ בריוו: אַנדערש אינעווייניק, אַנדערש אויסערלעך -
גיט אַ ציטער מײַן שטוב. איר מזוזה איז מער ניט קיין זיגל.
אַ פּאַפּירענער וואַלד ווערט מײַן שטוב, פול מיט אותיות און אותיעלעך.

אַ פּאַפּירענער וואַלד? איז עס אפשר אַ טרוים פון שגעון?
האָב ניט מורא, ס'איז וואָר: בין אַ ייִנגערער דאָך ניט קיין אַנדערער.
איבער זומפּיקן שונא איך שפּאַן צו דער שטאָט פונעם גאָון,
צונעם היימישן בוידעם עס וואַקלט אַ היימלאָזער וואַנדערער.

צווישן אַלטע מלבושים, וואָס מ'האָט ניט באַוויזן צו שענדן -
מיך באַגעגנט מײַן קאָץ. איז געבליבן דאָ היטן די בערוועגעס.
און אויף מאָרגן - ס'איז דאָ נאָך אַ מאָרגן - צו וועמען זיך ווענדן?
איז קיין אײנציקער ייִד ניט פאַראַן, צי' מיך פײַניקן נערוון עס?

און אויף מאָרגן - ס'איז דאָ נאָך אַ מאָרגן - און ווידער אויף מאָרגן:
סײַדן הער ווי די האָר דײַנע וואַקסן, אַנשטאָט מע זאָל שמועסן.
און אויף מאָרגן - ס'איז דאָ נאָך אַ מאָרגן - און ווידער אויף מאָרגן:
סײַדן עס דײַן פאַרשימלטן שאָטן, אויב קענסט נאָך די רו עסן.

אָבער גאָט איז אַ זיידע, ווי זאָגן עס פלעגט מיר אַ שכן:
ס'קומען תּחית־המתימדיק טריט מיט אַן עכאָ אַ שטײנערנעם.
און אַ בריוטרעגער ברענגט מיר מתּנות צו אונדזער נצחון:
"אַז ניטאָ מער פאַר קײנעם די בריוו צו צעטיילן - דו אײנער נעם".

און אויף מאָרגן - ס'איז דאָ נאָך אַ מאָרגן - און ס'ברענגט מיר ווי קודם
יענער בריוטרעגער גאַנצענע פּעק מיט קאָנווערטן יענוועלטיקע,
ביזקל פול, ווי יום־כּיפּור אַ מאָל אין אַ שול, ווערט מײַן בוידעם,
פון לבנה באַלויכטן דורך שינדלען צעשפּרונגענע, שפּעלטיקע.

אַ פּאַפּירענער וואַלד מיך באַשיט מיט פּאַפּירענע בלעטער
פון טאַשקענט, אַשכאַבאַד און קאַמטשאַטקע, פון פּראַגנטן און פּײַערן.
און דער זעלביקער נוסח בײַ אַלע, צי פריִער צי שפּעטער:
"מײַנע טײַערע עלטערן"; "טײַערע שוועסטער"; "צום טײַערן..."

דער פּאַפּירענער וואַלד שטײַגט־זיך־איבער־אַליין אין זײַן שטײַגן.
איז דאָ עמעץ פאַראַן אויסער מיר און די קאַצאויגן טרעריקע?
און עס טרייסלט אַרונטער אַ פּראָסטיקער ווינט פון די צווײַגן,
מיטן זעלביקן נוסח, אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט – פון אַמעריקע.

דער פּאַפּירענער וואַלד וועט פאַרשיטן מײַן איינציקן שטעגל,
דער פּאַפּירענער וואַלד וועט מיך באַלד מיט די בלעטער פאַרווייענען.
און איך זע ווי די טײַערע זענען אַהער עולה־רגל
און זיי קושן אָן־ליפּן די בריוו און אָן־אויגן זיי לייענען.

1966

פאַרמאַך דאָס פענצטער

חלילה דיר צו ענדיקן. ס׳איז ניט קיין צײַט פאַר שלמות.
אײביקער פון מירמל זענען שיימעס.
פאַרמאַך דאָס פענצטער. זאָלן שאָטנס אָנטאָן זיך אין זעק,
ווען שדים שפּילן קאַרמען, ריגאָלעטאָ.
און לאָז איבער אַ ליידיקע שורה, אַ פלעק –
אַ זכר לגעטאָ.

1965

ליד וועגן תּיקון

אײנציק, אײנסיק, ניט־דערקוילעט
פֿונעם גלאַוונעם באַלעבאָס –
ביַי אַ קאָפּטשענדיקן מולד
שטײ איך אויף צו תּיקון־אות.

איַינגעטוליעט אין מיַין זײדנס
אַלטן הימל ביזן ברעם,
איז דער זעלבער ניגון – בײדנס,
טאָפּל זע איך און פֿאַרנעם:

שוואַרצע פֿינטעלעך ווי בליקן,
אָפּגעשפּרונגענע פֿון קלף,
מיניען, מאָגען: גיב אונדז תּיקון,
זיַי באַשאַפֿער, זיַי באַשאַף!

1965

רויך פון אויסגעברענטן וואַלד

פאַראַן אַ גסיסה לענגער פון אַ לעבן. און פאַראַן
אַ רויך פון אויסגעברענטן וואַלד.
ווהין ער זאָל ניט וואַנדלען -
באַגלייט אים ביזן האַלדז אין אַש
דער גוסטדיקער מאַן:
- רויך פון אויסגעברענטן וואַלד,
איך מוז דיך מיט געוואַלד
אין אַלטן, לעבעדיקן וואַלד
באַלד
באַלד
פאַרוואַנדלען.

1965

גוטע דײַטשן

דערצייל מיר ניט פֿון גוטע דײַטשן. ס'קערט פֿון דעם די גאַל.
און זאָל דער טײַוול גיין צום טײַוול – אויך מיט זײַן מעדאַל.
(עס וויינען אויף העברעיִש מײַנע אויסגעצאַנקטע אותיות,
די זעלביקע פֿון ערשטן ליד און לעצטן יתגדל).

איך האָב געזען ווי גוטע דײַטשן מאָרדן ווויל און גוט,
און שפּילן אויף אַ זילבערפּלייט אין זעלביקער מינוט.
און שפּילן פֿוטבאָל מיט אַ יִידיש קינד. זאָל אייביק, אייביק
זיי בויערן אין טעמפּן שאַרבן זײַן פֿאַרגאָסן בלוט.

מיט ערד אַטאָמיש־אָנגעשטעקטער וואָס זשע בלײַבט צו טאָן?
"פֿאַרשיטן ערד מיט ערד און שטענדיק מײַדן דעם ראַיאָן".
דערצייל מיר ניט. אויב ס'זענען גוטע דײַטשן דאָ באמת,
פֿאַר וואָס פֿאַרזוכן זיי ניט זייער אייגענעם "ציקלאָן"?

1966

אַ וואָרט אָן מוזיק

אַ וואָרט אָן מוזיק, מיט אַ שטותיקן זינען,
אַ קנאַפּער מחותּן אין קעניגרײַך ליד –
אַ וואָרט אָן פּערזענלעכקייט, אָן אינדיוויד,
אַ זלידנע באַשעפעניש:
כ אָ ט ש –
און קאַפּאַבל אין מיטן דערינען
אַראָפּפירן ווערטער געזונטע און קלאָרע פון זינען.

און אַלץ ווײַל כ'האָב צופעליק אונטערגעהערט אין שפּיטאָל
צעצויגענע גסיסה –
אַ מענטשל, ווי טויזנט פאַרשאָלטענע יאָר וואָלט ביז איצטער געלעגן אין תּפיסה –
אַזוי געל, אַזוי גאַל, אַזוי גאָל,
אַ מענטשל מיט אָרעמס פון טרוקענעם באַמבוק
און ציפּערן – זע נאָר – פאַרגעס־מיך־ניט־בלויע:

– מײַן גאָט, אויב עס איז מיר באַשערט, איך בין ראוי
צו שטאַרבן אָט דאָ, איך אַליין זאָל בלויז וויסן מײַן קבר,
אַליין זאָל איך וויסן, ווײַל כ'האָב דאָך ניט קיינעם
אַחוץ זיך אַליין –
טאָ לאָז מיר כאָטש איבער אין אים לזכּרון
מײַן אַלטע, אויף לעבן דערשראָקענע, יונגע נשמה.
וואָס דאַרפסטו זי, פאָטער?
צו דיר דאָך געהערן
אַזוי פיל נשמות
פון יונגע און זקנים,
נאָך מער ווי די שטערן.
וואָס דאַרפסטו זי, פאָטער?

און איך האָב נאָר איינע, אַ קוים־קוים פאַרהיטע,
דערלויב מיר צו זאָגן, איך בין דאָך ניט שולדיק, פון שחיטה,

אַן אײנציקע שטילע נשמהניו, װי אַ נר־תּמיד,
אַן אײנציקע ניט בלויז פֿון מיר –
פֿון מײַן גאַנצענער שטאָט.
װאָס דאַרפֿסטו זי, פֿאָטער?

טאָ לאָז מיר כאָטש איבער אין דר'ערד לזכּרון
מײַן אַלטע, אויף לעבן דערשראָקענע, יונגע נשמה.

1967

אַ קלאַפּ אין טיר

אַ קלאַפּ אין טיר –
געבענטשט איז דער וואָס קאָן עס ניט פֿאַרשטיין.
איך האָב געאײַלט פֿון שטאָלץ אַן אײַנגעבויגענער,
מײַן שפּיגל האָט געלאַכט אַ רעגנבויגענער.
איך האָב די טיר געעפֿנט, ס'איז אַרײַן אַ – שטיין.

אַ גרויער שטיין.
געבענטשט איז דער וואָס זאָגט דער וואָר: ניט וואָר!
ס'וואָלט זײַן אַ שפּיכת־דמים ווען איך קוש אים ניט.
און פֿאָדער בײַ אַ דומם קיין פּירושים ניט,
ווען אויך די ליפּן זענען שטיין. וואָס ווערסטו דאָ געוואָר?

"מײַן ליבער, זײַ
געבענטשט" – האָב איך דערהערט פֿון העלער הויט.
און כ'האָב דערקענט אין קול: ס'איז מײַן געוועזענע,
יונגפֿיסיקע, אין פֿרילינג־רעגנס בעזענע.
מײַן גאָט, ווי טוט מען אָן אַ שטיין אין לעבעדיקער הויט?

1966

דער שמײכל פֿון מײַדאַנעק

א

ניט גרעבער ווי דאָס הײַטל פֿונעם אויג –
מײַן שכנס טיר.
ניט גרעבער פֿון דער גינגאָלדענער קרעטשמע,
ווו ס'קומט אַרײַן, ווו ס'פֿאַלט אַרײַן אַ מידער טוי צו נעכטיקן.
ניט גרעבער פֿון אַ שאָטן
אָפּגעשוונדן פֿונעם חומר –
הלמאַי גערעט מיר קיין מאָל ניט צו עפֿענען די טיר,
אַז בסך־הכּל איז די טיר פֿון קײנעם ניט פֿאַרשלאָסן?

און ער, מײַן סאַמע נאָנטסטער,
סמיק נאָנטסטער,
הלמאַי קאָן ער ניט דורך דער זעלבער טיר אַרײַן צום שכן
און זאָגן אים אַ פּשוטן גוט־מאָרגן?
די טיר איז דורכזיכטיק ווי שרעק,
די טיר איז ניט פֿאַרשלאָסן.

ב

ווי ווײַט איז אַ פֿאַרגאַנגענע סעקונדע?
איז ווײַטער בלויז מיט איין סעקונדע
פֿון יעדן הײַנט און מאָרגן.
מײַן שכן איז אַליין אַזאַ פֿאַרגאַנגענע סעקונדע,
באַצויגן מיט אַ מאַסקע,
אַז די וווּנד
זאָל זײַן פֿאַרבאָרגן.

ג

מײַן שכן קלאַפּט אין טיר
אַזוי צו זאָגן:
ס'איז אָנגעשפּאָלטן ווי אַ פֿוסטער בוידעמטאָפּ די ערד,
און קוים דערלאַנגסט אַ זעץ אַ קאַפּל פֿעסטער –

צעפּאַלט זי אונטער דיר אויף אַש און פּאָרעך,
און אַלע ימען הוידען זיך צוריק אַרײַן אין הימל
און לעשן אויס די שײַטער־הויפנס. וואָס מע רופט זיי שטערן.
איז אפשר קענסטו מיר אַנטלײַען פליגל,
אַוועקצופליִען אויף אַ מער געזיכערטן פּלאַנעט?
אָן איבערקלער בין איך פון דאַנען עוקר.

אַ גאָטס־רחמנות אויף די ערד־געבוירענע.
וואָס זענען שולדיק עפּל, אַז איך טראָג אַזאַ מין הויקער?

ד

אויף אַ קרעמאַטאָריע־קוימען אין מדינת פּוילן,
אַ באָרוועסער,
מיט פּיס אַראָפּגעהאַנגענע,
ווי קינדווײַז
בײַם כאַפּן פיש אין לולבדיקן וואַסער –
זיצט מײַן שכן.
אים חלומט זיך:
דער העקל פון זײַן ווענדע,
האָט אים אַליין פּאַרמאַניעט
מיטן פינקלדיקן ווערעמל.

ער איז אַליין זײַן פאַנגער
אויף דער לאַנגער
דינער ווענדע.
ער איז אַליין זײַן אייגענע לעגענדע.

ה

איז וואָס אַ שטייגער טוט ער אויפן קוימען,
ווען יענער האָט שוין לאַנג פון רויטן בויך אַרויסגעלאָזט
מײַן שכנס פאַרמעטענע שטאָט מיט ייִדן?
ער האַלט אין האַנט אַ שפּיגעלע
און שפּיגלט־אויס

ווי קינדוויַיז
אַ זון־העזל אויף פּנים פון זײַן זיידן -
אַ גרינעם שמייכל, וואָס וואַרפט־אָן אויף אַלט און יונג אַ פּאַניק,
און לאָזט ניט חלומען, און לאָזט ניט שווײַגן, ריידן:
ער שפּיגלט־אויס און שפּיגלט־אײַן דעם שמייכל פון מײַדאַנעק.

ו

דער שמייכל פון מײַדאַנעק פאַלט
אויף חתונות און בריתן.
אין אָפּערע.
טעאַטער.
הינטער די קוליסן.
אין קנייטשן פון דײַן ברויט־און־זאַלץ,
געזאַלצענעם געוויסן.

דער גרינער שמייכל פאַלט
אויף דײַן עלעגיע, דײַן באַלאַדע
און אויף אַ ליאַדע
ציטערקלאַנג באַזונדער.

דער שמייכל פאַלט,
מיט זשיפּענדיקן פײַער,
אין בעסטן ווײַן,
בורגונדער
צי טאָקײַער.

ער פאַלט אויף נידעריקע סטאַציעס,
קוים געמאַפּעטע, ווי שוואָמען.
און אויפן הויכן בנין פון די נאַציעס
די פאַראייניקטע,
און העכער - אויפן זילבערנעם וואַנדראָווניק
צו די תהומען.

ז

און קיינער ווייס ניט, אַז אין זומערנעכט
געזאַלבטע,
הויך־געוועלביקע,
אין שנייִקע צי רעגנדיקע רוימען,
אַ באָרוועסער,
מיט פּיס אַראָפּגעהאַנגענע, ווי קינדוויַיז –
מיַין שכן זיצט אין פּוילן אויף אַ קוימען,
באַטראַכט די שײַנע וואָר וואָס איז קיין וואָר ניט,
און וואָס מיַין שכן טוט, איז אַלץ דאָס זעלביקע:
ער האַלט אין האַנט אַ שפּיגעלע. מער גאָרניט.

1966

הײַנט איז יאָרצײַט

אל־נקמות, הײַנט איז יאָרצײַט, יאָרצײַט. הײַנט. אַצינד –
ווען גערופן האָט צו דיר אַן ערשט געבוירן קינד.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן שמייכל איבער וואַלד און פּליין,
יעדער האָט הײַנט יאָרצײַט נאָך זײַן שוועל, נאָך זיך אַליין.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן רעגן נײַנצן פערציק דרײַ,
נאָכן לעצטן קאַרשנבוים און שוועלבעלע דערבײַ.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך מײַן צײַט, פאַרפרוירן אין פּאָנאַר,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמעס געלן סאַמאָוואַר.

נאָכן שניי, פון מײַנע ווײַסלען אויסגעשנייט, בשעת
איך האָב צוגעדעקט מיט אים דעם קבר פון מײַן גאַס.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך די צווײ מלאכים בײַ מײַן בעט,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן צפון־שטערן ערגעץ העט.

יאָרצײַט נאָכן שפּיגל מיטן בלויען טײַך אין ראַם
ווו עס באָדן זיך די ליכט און שאָטנס פון מײַן שטאַם.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך אַ שבת, ריין ווי אַ בריליאַנט,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער פידל אין מײַן חברס האַנט.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך אַ לײַב אין פריידיקן אַנטבלויז,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער לעצטער יאָרצײַטליכט אין קלויז.

יאָרצײַט נאָכן לאַנגן זייגער אויף דער וואַנט פון לײַם,
אוי, נאָך אַלע וויגלידער פון אונדזער עיר־ואם!

1966

די וועלט צוקאָפּנס

געשווינדער פונעם ליכטלויף

געשווינדער פונעם ליכטלויף – צו אַ נײַעם קיום שטײַג איך.
אָ, ווער האָט מיך אַ צי געטאָן פון ערדקויל, און וווהין?
פלאַנעטן מיט געפלאַצטע הערצער גוססן פאַרבײַ גיך.
אַ מלאך הענגט אין הימל אויף אַ זילבערן געשפּין.

אַ שטערן־בעזעם קערט דאָ אויס די צײַט און אירע צײַטלעך,
דער סיריוס דאַרף קיין זייגער ניט צו וויסן ווו ער האַלט.
איז נאַכט? איז טאָג? איז גאָרנישט? יאָ, דער גאָרנישט איז דאָ דײַטלעך,
ווי אומשולדיק פּאַפּיר וואָס בענקט נאָך פאָרעם און געשטאַלט.

געשווינדער פונעם ליכטלויף – דאַרף דאָך מיינען: איך בין ווײַטער,
פון בלאָטערדיקער ערד מיט יעדן אָטעמצי. הלמאַי
דערזע איך פלוצעם זיך אַליין געשלײַדערט אויף אַ שײַטער,
און מײַנע ווונדן שמעלצן זיך אין אים ווי רויטער בלײַ?

געדרויס איז רוים. און מלכותדיק. און ווײַט. און בלוי־געצעלטיק.
נאָר ס'יאָגט מיך אָן ס'געוועזענע: איך בין געווען און בין – –
באַשערט איז מיר צו לעבן און צו שטאַרבן טאָפּל־וועלטיק,
באַשערט איז מיר זיך אָפּרײַסן פון ערדקויל. נאָר וווהין?

1964

שורות אויפֿן ים געשריבענע

א

אַ לעבן־לאַנג אויפֿן ריטעם פֿון וואָרט, ווי אַ מאַטראָס אויפֿן ים געבוירן –
בין אויך אַ מאַטראָס און שפּאַן אומזיכער
בלויז אויף דער ווײַטער יבשה,
ווו אין היים־פֿאַרלאָפֿענע שויבן טאַנצן שיכּורע מעסערס.
די צווישנבערגן זענען, אַזוי צו זאָגן, מײַן פּראָזע,
מײַן ערדיש ברויט וואָס איך מוז צוװאַרפֿן די ציינער,
אָפּשטאַמלינגען פֿון אַלטן, מוראדיקן מולך.
און זינקען וועל איך מיטן וואָרט אין איינעם
דער לעצטער.
זינקען, און ווערן אויף שטענדיק
מײַן אייגענער אַנקער.

ב

ווער האָט געזאָגט, אַז דער ים איז גאָטס קלאָפּעדיק האַרץ?
אַצינד איז ער אומשולדיק בלוי מיט אַ צומיש פֿון שמייכל.
אויגנבלוי פֿון אַ פֿאַרדעטערין.
קלאַסישע אויגן
הינטער וועלכע עס זשיפּעט אַן אָפּגרונט
מיט האָריקע שלאַנגען.

ג

דער שטורעם באַהאַלט זײַן אמתן נאָמען
הינטער שוימיקער מאַסקע: "שטורעם".
שטורעמדיק זוכט ער אַן עמעצן
איבערצוגעבן דעם סוד.
עס פּלאַצט זײַן גאַל:
דערווײַל איז נאָך קיינער ניט זוכה.
אַן איינציקער קלאַנג פֿון זײַן וואָר
איז מיר נאָר־וואָס געקומען צו חלום.

ד

אָנצאָליקע נאַקעטע קנעכט זענען, ים, דײַנע כוואַליעס,
צום אויסגלײַכן מאָסן און פאָרמען מיט זעלביקן שפּיגל.
דערפֿאַר טו איך לויבן דײַן אָפֿענעם שונא דעם שטורעם,
דעם וואָס איז מורד מיט שׂימחה
די ליגנערישקייט פֿון דײַן פֿלאַך,
דערלאַנגט זי אַ שונד ווי די פֿעל פֿון אַ חיה,
אַ חיה אין מיטן געיאָג,
צו זען ווי דײַן אינגעווייד
שלײַדערט זיך פֿעלדזיק און תּהומיק.
מקוים זאָל ווערן די אַלטע מחשבה:
אונטן – ווי אויבן.
דאָס זעלבע.

ה

און באַנאַנד מיטן שטורעם ווער ביסטו,
נאַכטיקער ים, בײַם באַשעפֿער?
– לעבן פֿענצטער מײַן קינדס אַקוואַריום
צעשניטן פֿון גילדענע פֿישלעך.

שיף "צעזאַרע", אָקטאָבער 1965

צווישן פּאָמפּיי און וועזוווּס

צווישן פּאָמפּיי און וועזוווּס –
אַ שפּאַן
פון ליידן און פריידן.
זונפאַרגאַנג שפּיגלט אַ קאַלטן ווולקאַן
איבער ביידן.

ס'פּאַסט זיך דאָס צוויַיגעלע קאַרשן
אַצינד –
קאָליר פון געוועזענעם פלאַקער.
זאָל בלייַבן אַן אייניציקע קאַרש, ווי אַ זינד
פון אַלע געשמאַקער.

צווישן פּאָמפּיי און וועזוווּס –
פאַראַן
שׂינאה און אַהבה.
הייַנטיקע נאַכט וועט דאָס מויל פון ווולקאַן
פאַרזיגלען די שטילקייט מיט לאַווע.

1965

אין די קעלערן פון פאַרגעסן

מיר זענען אַראָפּ זיך פאַרגעסן
אין "קאַוואָ דעז אובליִעט" –
אין די קעלערן פון פאַרגעסן,
היינט אַ קאַבאַרעט.

אַ מאַטראַץ אין פורפורנעם פליוש – די סצענע.
און אַ טענצערין – ווייסט ניט: יונג צי אַלט? –
ווי אַ מלאך מיט אַ היענע
פאַרצווייִלינגט אין איין געשטאַלט.

אונטער מיסטישן קאַנדעלאַבער
פאַרגעסט זי ביים טאַנץ זיך אַליין,
און עס טאַנצן אַ דאַנס מאַקאַבער
די פאַרגעסענע, זייער געביין.

די פאַרגעסענע, זינדיקע, יענע
וואָס מיט הונדערטער יאָרן צוריק
מ'האָט פאַרמויערט דאָ ביי דער סענע –
קומען צוריק, צוריק.

אַ האַנט אויף מיינער, ווערעם באַוועגלעך,
ווי ליפּן אין פינצטערן בונד –
ווערט קאַלט און ביינִיק. איז דאָס מעגלעך?
און אייזיקער פון סעקונד.

מיר זענען אַראָפּ זיך פאַרגעסן
און האָבן דערביי פאַרגעסן,
אַז אין קעלערן פון פאַרגעסן
קאָן מען ניט פאַרגעסן.

פּאַריז, 1967

דאָס אויסערמענטשלעכע

א

אומזיסט האָב איך געמיינט, אַז בלויז אַ מענטש קאָן זײַן אַ שרײַבער,
אַז בלויז אַ מענטש קאָן לייענען אַ בוך. נאָר זינט איך בין
געלעגן אין אַ דזשונגל – וואָלט איך שווערן:
פאַראַן אַ דזשונגל־גאָט אַ יאָ־געזועענער,
וואָס פירט שוין יאָרן זײַן אינטימען טאָגבוך אויף מײַן שטערן.

ב

באַקאַנט איז מיר אַן אויסטערלישער לייענער. דאָס איז
געשען דעם לעצטן זומער אין פּאַריז:
בײַ אַלטע בוקיניסטן לעם דער סענע
געמישט האָב איך יאָרהונדערטער,
געקויפט זיי פאַר אַ הונדערטער.
פון שמייכלענדיקן וואַסער האָט מיר אָפּגעשפּילט אַ סצענע
אַ פיש: באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין דער לופטן,
אָנטקעגן דעם לאַטיינישן קוואַרטאַל.
אַ קיינעמסדיקע טויב האָט באַלד געשטעלט זיך אויף מײַן אַקסל,
געלייענט מיט הנאה "פלער די מאַל",
געזויגן סם און זינגענדיקע טרערן.

אַזאַ פאַרליבטער לייענער איז בלויז באַשערט באָדלערן.

1964

הילולי

הילולי, באָרוועסער פּאָעט בײַם גאַנגעס,
איך האָב געזוען דיך קניִען פֿאַרן רעגן:
"דו ביסט אַ נאַקעטע פּרינצעסין אָנגעטאָן אין פּערל,
וואָס קומט אויף אַ מלחמה־העלפֿאַנד פֿון די הימאַלײַען
און ברענגט אין אירע האָר די ערשטע שניירויז.
דער העלפֿאַנד איז אַרומגעזעצט מיט פֿײַלן
און אויף זײַן שטערן ציִשעט אַ רובין.
און מוזן מוז איך בײַקומען דעם העלפֿאַנד,
צו קענען בלויז אַ ליפּ טאָן מײַן געליבטע".

און איך אַליין, הילולי, בין ווי דײַן מלחמה־העלפֿאַנד,
נאָר אויף מײַן רוקן רײַט ניט קיין פּרינצעסין.

הילולי, באָרוועסער פּאָעט בײַם גאַנגעס,
דו האָסט מיר אָנגעוויזן אויף אַ טורעם:
"אויף זײַנע שטיגן טראָגט מען איצט אַ טויטן,
וואָס ניט צו ערד, צו פֿײַער, וואַסער וועט ער באַלד געהערן.
אַזוי וועל איך געטראָגן ווערן, אויף די זעלבע שטיגן:
אַ פּריסטער וועט אַ פּאַטש טאָן צו דעם קעניג פֿון די אָדלערס,
און דעמאָלט וועט דער קעניג, מיט די שנאָבלקנעכט צוזאַמען,
אַ לאָז טאָן זיך פֿון קעגן איבער און מיך איבערזיפּן,
אַז בלײַבן וועט אין בלויגעוועלב ניט מער ווי מײַן נשמה".

און איך אַליין, הילולי, רוף דעם קעניג פֿון די אָדלערס,
אַרויסצופּליקן פֿונעם האַרצן מײַנע טויטע יאָרן.

1964

אַ פויגל מיטן נאָמען: קוקובאַראַ

וואָס וויל פון מיר דער פויגל קוקובאַראַ,
דער ממזר מיטן זאַמדענעם סקעלעטישן געלעכטער?
פון זינט ער האָט אום האַלבער נאַכט צו מיר אַרײַנגעלעכטערט
אינעם קלײנעם פּאַרם
בײַ די בלויבערג הינטער סידני,
ווען ס'האָט געטעמט לעבן פלויט
אַ סטויגע היי פון שטערן –
פון דעמאָלט אָן,
אויסטראַליער פרײַנד,
זײַ וויסן:
איך וואַנדער מיטן קוקובאַראַ־צײכן
אויפן שטערן.

כ'האָב נאָכגעפאָרשט דעם ענין בײַ אַן אַלטן פײגל־דאָקטער –
אַ שלאַנגען־פרעסער איז דער קוקובאַראַ.
זײַן לאַכן איז דער ווידערקול פון סם־געטראַנק
לאַנגיעריקן,
דער ווידערקול פון סַמיקער הנאה.

נאָר איך אַליין, וואָס מײַן געהער
זעט ווײַטער ווי מײַן אויג,
פאַרנעם אין זײַן געלעכטער
דאָס געלעכטער פון סקעלעטן –
צווייפיסיקע.

וואָס האָבן יאָ אַ מאָל־אַ מאָל געלאַכט,
פּירפּיסיקע,
וואָס האָבן ניט געוווּסט דעם טעם פון שמייכל.

דערמאָן זיך ווי אַ טויטן־שאַרבן לאַכט.
פון וועמען לאַכט ער?
אַ טויטן־שאַרבן פון אַ הונט, אַ קעניג, צי אַ פּויער?

ס׳געלעכטער פון סקעלעטן
דורכן האַלדז פון קוקובאַראַ,
פאַרפלייצט דעם אַל מיט גולמדיקן טרויער.

1965

עמבלעם

א

...און זאַלבע דריט מיר זענען אויף איינרודערדיקן, שמאָלן
סאַמפּאַן אַרויסגעשווומען פונעם האַפן אַבערדין
אין ים אַריַין. די כוואַליעס - דינע,
דורכזיכטיקע שאָלן,
פאַרלירן זייער וואָג און ווערן שוימיקער בורשטין
צעווישן אינדזלען בריטישע און
כינע.

די אינדזלעך - קעניגרײַכן פאַר דראַקאָנען
און מיניאַטורע לויפערלעך. מיט ריקשעס, טעמפּלען, מאַטאָס,
מיט זײַדוועדעם וואָס וועבן פון די אינגעווייידן פאַנען,
און שמייכלענדיקע בודאַלעך אין האַרץ פון בלויען לאָטאָס.

יאַ-טאַנג איז דאָ געבוירן. אויפן שפּיץ פון יענער סקאַלע -
באַווײַזט ער מיט אַ קאַרשנצווײַג. און די - זײַן שטיקל כלה.
ז׳ זינגט, ווי ס׳וואָלט אַ קעצעלע
פון מויל אַרויסגעמיאַוקעט.

געדולדיק שווימט אין גלאַטן ים די נאַכט -
אַ שוואַרצער אָרון.
אין שוואַרצן אָרון שווימען מײַנע יאָרן.
און ס׳הערט ניט אויף צו מיאַוקען
די כינעזישע מאַדאָנע.

- יאַ-טאַנג, וווהין? איך זע אין ים אַ קאַרליק,
דער קאַרליק מאַכט אַ כוסע אויפן פּערלדיקן דנאָ.

- מײַן האַר, דאָס איז די שענק פון ווײַן און ליבע,
אַוו עס איז אַרײַנגעשפּרונגען כאַפּן די לבנה
דער געטלעכער לי-פּאָ.

ב

דער מאָרגן־שטערן לאָזט זײַן שטערן ירשענען אַ כוואַליע,
דער מאָרגן־שטערן לאָזט זײַן מאָרגן ירשענען דעם ים.
ס׳צענעמט דער געטלעכער לי־פּאָ דעם צאָפּ אַרום זײַן טאַליע
און דרימלט אײַן אין פערלדיקן שענק, מיט אים צוזאַם.

אַ מושל איז מײַן אויער און כינעזיש ווײנט דער מושל.
מיט נעדעלעך אײַנגעזילביקע שוין רײַך איז מײַן געהער.
און אַנדערש ווײנט אַצינד אַ כוואַליע, אַנדערש פליט אַ בושל –
ווו זענען מיר, און סאַראַ זעונג נענטערט זיך אַהער?

אָן אַנדער ים: אַ רעגן־בויגן צווישן אונדז און אינדזלען –
איז נאָך אַ רעגן, פאַר אַ רעגן? זאָג דעם סוד, יאַ־טאַנג!
און רויט געפּלאַצטע וואַסער־סטרונעס פון זײַן רודער בלינצלען,
צוריק פאַרטרויען זיך דעם ים, זײַן גלײַכגילטיקן גאַנג.

– אַזאַ מין רעגן־בויגן – זאָגט יאַ־טאַנג – איז ניט פון רעגן:
מיט קינדער אויף די אַקסלען, מיט אַ שפּיז און זעקל רײַז
כינעזער שווימען אין די נעכט פון גרויסן לאַנד – אַנטקעגן,
צו אויסגעטרוימטע אינדלזען... און דעלפינען האָבן שפּײַז.

אָ, רעגן־בויגן, רויט ווי אָפּן האַרץ, עמבלעם פון אַזיע,
צי האָט דער געטלעכער לי־פּאָ, די פּראַכט פון אַלע זין,
געזען דיך אויף דער וואָר, אַזוי ווי איך, צי אין פאַנטאַזיע? –
געשאָנקען האָסטו מיר אַ ליד בײַם ברעג פון אַבערדין.

1965

דער קעניג טשאַקאָ
(פונעם זולו־פאָלקלאָר)

געדולדיק, וואַך, מיט פולע קברים צײַט,
פּלאַנירט מיט חכמה ווערליק אַ יענוועלטיקער סטראַטעגיע,
באַזונדער, איינער פונעם צווייטן ווײַט, ווי נאַכט פון טאָג,
און אויך צוזאַמען גאַנצענע געזינדן,
ווי קאַקאָסניס אויף איין און זעלבן בוים אַנטקעגן אָוונט —
אַזוי זענען געלעגן אין דער טיפעניש פון דזשונגל
די אָפּגעהאַקטע קעפּ, וואָס קעניג טשאַקאָ
האָט פרײַגעלאָזט פון אַקסלען בײַ חרטומים און טומטומים,
בײַ שטערן־זעער, אונטערטאַנען, הויפטן —
געטרײַע זיפצעניקעס אונטער עול פון זײַן ממשלה.

ס׳האָט קיינער ניט געוווּסט, אַוווּ עס פוילן
די אָפּגעהאַקטע קעפּ, און אַז פאַראַן בײַ זיי אַ לשון,
אַ לשון פון אַנציִנגערדיקע ווערטער.
דער קעניג טשאַקאָ האָט די קינדער זייערע באַפוילן:
— פון הײַנט און ווײַטער איז דער קעניג טשאַקאָ אײַער פאָטער!

אַנשטאָט מצבות האָבן אויבן, איבער אַלע קעפּ,
צעשטעלט זיך אין אַ לויערונג
דער לייב,
דער שוואַרצער טיגער,
בשותּפות מיט דער בלאָטיקער, געפּאַסיקטער היענע.
באַשטענדיק האָבן זיי געשפּירט, געניוכעט,
אַרײַנגעשפּיגלט אינעם קעניגס טונקעלער נשמה
און דאָרט געלאָזן ציין־סימנים.
יעדער נאַכט אַליין טיפער.
ביז וואַנען ס׳האָט דער דזשונגל זיך צעברומט מיט אַ געלעכטער,
ווי ס׳וואָלט דער לאַנגער וואַסערפאַל, וואָס הענגט אויף דער לבנה,
אַראָפּגעשטראָמט אויף דר׳ערד! עס האָט דער לייב זיך אַזש געהאַלטן

מיט ביידע פֿאָדער־לאַפּעס פֿאַרן בויך.
דער שוואַרצער טיגער –
האָט ניט געהאַט קיין כּוח איינצוצוימען דעם גאַלאָפּ
פֿון זיינע הייסע, לאַכנדיקע טרערן.
און ביי דער בלאָטיקער היענע זענען פֿון געלעכטער
אַרויסגעשפּרונגען אירע געלע פּאַסן –

געשען איז דאָס אין יענער נאַכט, ווען ס'האָבן די־אָ חיות
אַריינגעשפּיגלט זייערע פֿאַרשפּיצטע ציין אַלץ טיפֿער
אין טונקעלער נשמה פֿונעם גוססדיקן טשאַקאָ,
און צאָן־אָן־צאָן האָט אָפּגעקלונגען, זיך אין אים באַגעגנט.
און אויפֿגעשטורעמט האָבן אַלע אָפּגעהאַקטע קעפּ:
זיי שאַרן זיך, זיי קייקלען זיך אין דר'ערד נאָך זיין לוויה,
און ווי נאָר ס'ווערט באַגראָבן קעניג טשאַקאָ
דערלאַנגען אים די קעפּ אַ וואָרף אַרויס פֿון זייער היים,
אַ צענטן מאָל באַגראָבן און אַ הונדערטסטן – דאָס זעלבע.

און לאַנגע יאָרן שפּעטער, ווען פֿון גרויסן קעניג טשאַקאָ
פֿאַרבליבן איז אין דזשונגל בלויז דער בעקן פֿון זיין קאָפּ,
דערבאַרעמט זיך אויף אים און זיך צוזאַמען
און אים אַריינגענומען אין זיין קבֿר אונטער שטאַמען –
האָט בלויז דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ פֿון זיין געטרייער מאַמען.

1966

פיר און צוויי

פירפיסיקע פֿאַרראַטן זעלטן, זעלטן,
זיי ווייסן אַז געטריַי־זײַן איז געזונט.
אַ פֿערד האָט שוין געוווּנען ביידע וועלטן,
איך האָב געזען אַ דענקמאָל נאָך אַ הונט.

איך האָב געזען, פֿאַראַן אַ מאָס פֿון ערע:
דורך ברענענדיקן דזשונגל האָט צו גלײַך
מיט אירס אַ קינד געטראָגן אַ פּאַנטערע
אַ הירשעלע, צו ראַטעווען בײַם טײַך.

פֿאַרביטן האָט אַ בייזער גײַסט די יוצרות:
צווייפֿיסיקע דערגרייען ניט צו פֿיר.
געירשנט האָט די חיה אָדמס אוצרות,
אַ שטאַרבנדיקער לייב איז קעניג ליר.

און איך, דער קלוגער נאַר, וואָס וויל געפֿינען
אַ מוסטער – לאָך אַליין פֿון מײַן פֿאַרלאַנג:
דער מוסטער, ווּעמען כ'האָב אַצינד אין זינען,
וועט בלײַבן אַ צווייפֿיסיקער נאָך לאַנג,
נאָך זייער לאַנג.

1965

שלאַקסיקע נאַכט

אַ שלאַקסיקע נאַכט האָט ניט אויפגעהערט רייצן און ווייקן
די שטיינערנע ווונדן פון שטאָט.
און איך האָב געזוכט אַן אַפּטייק. נאָר עס זענען אַפּטייקן
פאַרשווונדן פון שטאָט.

בלויז אײַזערנע גולמס מיט גרינע און בונט־רויטע לאָמפּן
צעפּאַסעווען ס׳נאַכטיקע לײַב.
אַפילו דעם רעגן מושטירן די אײַזערנע גלאָמפּן:
געגאַנגען און – בלײַב!

"אַ בונט קעגן שטאָטישע גולמס, וואָס זענען קאַפּאַבל
צו צינדן אין רעגן מײַן כעס!"
אַ גילדערנע שלאַנג: זײַן אַפּטייק האָט געעפנט דער מבול
אויף זײַטיקער גאַס.

אַ פרוי (האָב אַ מאָל זי אין חלום געזען) האָט ניט־דאָיִק
באַלויכטן אַ גלעזערנעם טיש,
געוויגן אַ שמייכל, אַרײַנגעטאָן אים אין אַ סלאָיִק,
ווי ראָזן האַשיש.

"מיר קענען זיך, האָב איך געטראַכט, נאָר ס׳וועט זײַן אַ געמיינקייט
צו זאָגן עס איר אויפן קול".
– גוטהאַרציקע, האָב איך געבעטן, אַ סם קעגן שיינקייט...
– ניטאָ. אין שפּיטאָל.

אין שלאַקסיקער נאַכט איז געווען מיר די פרוי אַ סטאַטוע
מיט אויגן פון זינדיקן שטאָל.
זי האָט ניט געוווסט: זי אַליין איז דער סם, די רפואה,
און זי – דער שפּיטאָל.

1965

וויזיט

געקומען בין איך אָפּשטאַטן אַ פריַינדלעכן וויזיט
אַן אַלטן שונא אין שפּיטאָל. מיט אותיות קראַנקע, מידע,
לעצטמאָליקע ווי אָפּגעוועלקטער צוויט,
געשריבן האָט ער, זיך געבעטן: העלף מיר זאָגן ווידוי.

צעשמאָלצן אין אַ פורעם פון רחמנות,
האָט קינאה־שינאה זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ראָזן לאַם.
און אויך דער שלעכטער סימן: שוואַרצע קעץ און וויַיסע נאָנעס,
האָט אויסגעזען סימפּאַטיש אינעם אָוונטיקן פלאַם.

נאָר באַלד ווי כ׳בין אַריַין אין קאָרידאָר פון רויטן מירמל,
ווו ס׳וואָגלט אום אַ מעסערדיקער עכאָ פון אַ בוינע,
צעווישן רייען שניימענטשן פאַרשטעלטע פאַר דאָקטוירים,
און יונגען אין באַנדאַזשן, ווי געבונדענע גיבורים –
און האָב געפרעגט אַ קראַנקן־שוועסטער ווו עס ליגט מיַין שונא –
אַזוי האָבן זיי אויסגעשאָסן אַלע אַ געלעכטער:

– געשווינדער זוך אַ טיר אין די געדרייטע קאָרידאָרן,
דו וועסט אים אפשר אָניאָגן אין אָרון.

געווען איז דאָס אַ מין שפּיטאָל פאַר ליגנער. אַ שפּיטאָל
ווו בעזעמער פאַרפּיַיניקן אין ווינקלען כריזאַנטעמעס.
און ביזן ים האָט שפּעטער מיך באַגלייט אַ שפּאָטיש קול:
"מען לעבט דאָרט אויף אַ ליגן און מען שטאַרבט דאָרט אויף אַן אמת".

1965

אַ פּערסישער טעפּעך

אַ פרוי קעגן איבער מײַן פענצטער.
זי שלאָגט מיטן שטעקן
אַ פערסישן טעפּעך,
פונאַנדערגעהאַנגען אויף תּהומיקן ראַנד פון באַלקאָן.
זי שלאָגט מיטן שטעקן, שלאָגט מיטן שטעקן.
רחמנות, געווּג! נאָר עס הייבט זיך ניט אָן.

געוואַלד, וואָס איז שולדיק דער פערסישער טעפּעך,
צעבליט אין אַ לאָנקע מיט פײַער פון מאָן?

זי שלאָגט מיטן שטעקן, שלאָגט מיטן שטעקן, –
איך שרײַ.

זונהאָריקע
שכנה,
יונגיאָריקע
אײנע,
איך וועל דיר אַנטפּלעקן
הלמאַי
דו שלאָגסט מיטן שטעקן,
דערלויב:

דו שלאָגסט מיטן שטעקן, שלאָגסט מיטן שטעקן,
הלמאַי ס'איז ניטאָ אינעם טעפּעך קיין שטויב.

1967

פלוצעמדיקער זקן

פלוצעמדיקער זקן, זאָג מיר קלערער
ווען און ווי אַזוי דו האָסט זיך אויסגעלערנט אַלט זײַן.
יוגנט איז דער זיקנה ניט קיין לערער,
יוגנט וויל איר אייגענע געשטאַלט זײַן.

אויסנווייניק ברומסטו ווי אַ בת־קול
דײַנע ווײַסע האָר, וואָס באַלד פון ווײַסקייט וועלן פּלאַצן.
ווו דער זינען? ווו דער מוסר־השׂכּל?
סײַדן דיך אַ נעם טאָן פאַר די לאַצן.

סײַדן גלייבן, אַז דו שטאַמסט פון זקנים,
אַז דו ביסט געבוירן מיט אַ באָרד־און־שטעקן. סײַדן –
גלייבן בלויז דעם שפּיגל און אין איינעם
גלידערווײַז אין שפּיגל זיך צעשנײַדן.

1967

לייענען, שרײַבן

א

כ'וויל זײַן דײַן לייענער, און פּרוּוון לייענען דעם שווערן
סאַנסקריט פון דײַנע ברעמען, וואָס עס פעלט זיי אַזוי ווייניק,
אַ האָר, ניט מער, צו ווערן איינס, צונויפגעוואַקסן, אייניק.
כ'וויל זײַן דער לייענער פון דײַנע טרערן.

און לייענען דײַן שטילקייט וויל איך אויך, ווי בײַ אַ טאָפּאָל
דעם אונטערשלאַק פון זילבערלעכע, ציטערדיקע בלעטער,
ווען האַק פאַרמעסט זיך אונטן מיטן גלאַנץ פון אַ פאַררעטער.
כ'וויל זײַן דער לייענער פון דײַנע אָדערן, דעם גאָפּל.

כ'וויל זײַן דײַן לייענער, כ'וויל זײַן דײַן איינציקער פאַרשטייער.
אַזוי פאַרשטייט אַ וואָלף אַ טויטן וואָיע
פון וועלפיכע, וואָס קויל האָט זי געטראָפן הינטער שלייער
פאַרנאַכטיקן פון שניי, אין מיטן וואַרעמער הנאה.

ב

אַנשטאָט פּאַפּיר – אַ בלעטל דינע פּרילינגלופט. כ'וויל שרײַבן
אָן אויפהער אַ סעקונדע, מיט די ציין אַנשטאָט אַ בלײַער,
ווי פײַער, וואָס האָט מער פּאַר וואַסער מורא ווי פּאַר פײַער.
כ'וויל שרײַבן אַ סעקונדע, אַז אָן אייביקייט זאָל בלײַבן.

כ'וויל שרײַבן פאַרן בעטלער, ס'זאָל אים ווערט זײַן אַ מטבע.
כ'וויל שרײַבן פאַרן קלאַנג, ער זאָל ניט אַרבעטן בחינם.
כ'וויל שרײַבן פאַר מײַן קינדהייט אין באַפליגלטער זאַווייע.
כ'וויל שרײַבן פאַרן גראָז, פון מיר אַרויסגעוואַקסן, גרינעם.

כ'וויל שרײַבן פאַרן זײַדוואָרעם, ער זאָל זיך מער צעזײַדן.
כ'וויל שרײַבן פאַרן זעלבסטמערדער, צו לינדערן זײַן צער דאָ.
כ'וויל שרײַבן פאַרן גוסס, ווען עס פעלט אים צײַט צו לײַדן,
כ'וויל שרײַבן פאַרן שפּיגל, ווי די האַנט פון לעאָנאַרדאָ.

1967

פלעדערמײַז

װען גרילן שפּילן צירקמוזיק - אַ שיכּורע קאַפּעליע,
און סטרונעס הענגען ביז דער ערד פֿון דימענטענער סטעליע -
דערלאַנגען זיך אויף זײ אַ לאָז־אַרונטער אַקראָבאַטן
צו מיר. צו מיר. און װידער. אַ גוט־אויג זאָל זײ ניט שאַטן.

זײ ציִען יענע־װעלטיקע צילינדערס: העלף אונדז, מײַסטער,
און שענק אַ גראָשן אײביקײט... איך עפֿן זײ דעם טײַסטער:
- פּאַזשאַלויסטאַ, און זאָל אײַך װיל באַקומען, מײַנע פּרינצן,
איך האָב נאָך אײדעלן מעטאַל אַ נײַעם קלאַנג צו מינצן.

1965

אַן עדות

וווּנדערלעך: אַ פּיצעלע מוראַשקע –
אַן אַטאָם,
ציט אַרײַן דעם בלײַענעם פּלאַנעט פון אַלטן העלפאַנד
אינעם ווינקל אויג, אין סאַמע תהום,
און ס׳בלײַבט איר נאָך אַ קאַפּל
צײַט און רוים פאַר זײַנע ווײדעס – –

און ס׳בלײַבט איר נאָך אַ לײדיקער שוואַרצאַפּל,
אײַנצושלינגען דעם וואָס איז אַן עדות.

1965

מײַן פרײַנד פון גיהנום

געזען אַ מענטשן. האָב אים ניט באַגריסט.
און סודותדיק איך סודע:
- אומזיסט באַלײדיקט עמעצן, אומזיסט,
אַציִנד בין מודה.

קאָן זײַן, עס האָט מיך אָפּגענאַרט מײַן חוש
פון רויטער פּאַוועטינע:
דער פרעמדער איז גאָר װערט געװען אַ קוש
אַנשטאָט מײַן שׂינאה.

אַ מאַסקע איז צו מאָל דאָס ליכט פון טאָג.
און ס'איז געװען אומגלײבּיק,
װי כ'װאָלט דערזען אין גאָס מײַן נעקראָלאָג
און װײס: בין אײביק...

און ערשט אין חלום־פּריזמע, װו און װען
דערזעסט אַ מאָל דעם עיקר -
אין זעלבן מענטש אַ פרײַנד האָב איך דערזען,
צוריק, צוריקער:

אַ באַל אין גיהנום. אויפן שװאַרצן באַל
איך טאַנץ מיט מײַן פּאַרטרויטער.
און ער טרינקט־אויס דעם סם פון מײַן באָקאַל
און פאַלט אַ טויטער.

אַצינד וועל איך אים זוכן אין דער וואָר,
וועל תּפילה טאָן צו זען אים:
– כ'דערמאָן זיך, וועל איך זאָגן, קליפּ און קלאָר
דעם טאַנץ אין גיהנום.

און אויב ניט דאָרטן – וועל איך אין געדאַנק
באַגעגענען אָט יענעם
און זאָגן אים: זײַ מוחל, און אַ דאַנק,
מײַן פרײַנד פון גיהנום.

1966

אומשולדיקע טרער

זי האָט געלאָזן, ווי מע זאָגט, אַן אומשולדיקע טרער,
נאָר ס׳האָבן זי געוואָלט צעזידן זײַנע שוואַרצע פונקען.
געשען איז אָבער, אַז דער דאָן־זשואַן און קאַוואַליער
אין אומשולדיקער טרער האָט זיך דערטרונקען,

ווי דווקא אַ געניטער שוימער גייט אַראָפּ צום גרונט,
אַז מײַנען מיינט מען: ס׳קאָן ניט זײַן, אַ שפּאַסער.
די קוועקזילבערנע מוסקלען - שטיין. אין מויל - אַ קאַלטער שפּונט.
און אויבן - בלויז אַ רחמימדיקער שוים, אַ רינג פון וואַסער.

אַרויסגעצויגן מיט מסירת־נפש פון איר טרער -
געפּרווּוט האָט זי דעם גיבור מויל־צו־מויל אַרײַנטאָן חיות.
געלעגן איז אַ בלויער ווי אַ מילץ דער קאַוואַליער,
מיט פּערלמוטער אויף די נאַסע וויִעס.

1966

דער וועלטהונט

ביידע ברידער שטייען פאַר זײַן עקסעלענץ: דעם וועלטהונט.
געבויגן, היטלען אויף דער ערד,
עלעקטריזירט פון שרעק,
און וואַרטן אויף דער אויסגעבענקטער אויפנאַמע,
וואָס קומט ניט פאַר.

דער וועלטהונט זיצט גענעדיק אויף די הינטערשטע צוויי לאַפּעס.
ער וויל שוין פון גרויס נחת
גאַרניט, גאַרניט.
מסכים איז ער בלויז, מע זאָל אים גלעטן.

זאָגט דער עלטערער, וואָס לאַנג אַ ווײַדע,
צום יינגערן, וואָס קוים אַ טאַטע,
זאָגט אַזוי צו זאָגן:

– דיר איז, קיין עין־הרע, גוט, מײַן ברודער,
אַ צעדערדיקער ביסטו, הויכגעוווקסיקער,
אויסגעצויגן בלויז אַ האַנט און – שוין,
דו קאָנסט אים גלעטן מיט די האָר אַראָפּ פון שנוק ביז אונטן,
ביזן סאַמע עק און סאַמע עקל.
נאָר איך, שלימזל וואָס איך בין,
געבויגענער אין דרײַען,
איך מוז דעם וועלטהונט אָנהייבן צו גלעטן פון זײַן עק,
און דווקא מיט די האָר אַרויף כסדר –
ביזן פּיסק.
אָהוי, ער האָט שוין אָפּגעביסן אַלע מײַנע פינגער.

ביידע ברידער שטייען פאַר זײַן עקסעלענץ: דעם וועלטהונט.
מקנא איז דער עלטערער
און גליקלעך – דער וואָס יינגער.

1966

ליד אָן אַ נאָמען

אַ חלום לאָזט מיך ניט אַנטרינען פון זײַן לאַנגן לויער
און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ חיות־גאָרטן, ווו דער טויער
פאַרהאַקט. פאַרשלאָסן. יאָ, אַוועק דער שומר און פאַרשלאָסן.
אַזאַ מין חצות איז הימל־ווײַט פון אַלע מײַנע חצותן:

אַ האַנט מיט שטערן אויף די פינגער ווײַזט זיך צווישן צווײַגן
און שרײַבט אַ גרויסן אלף און אַ סמך איבער שטײַגן.
צעעפענען זיך שלעסער, און די חיות - נענטער, נענטער
צום אײַנציקן פאַרשלאָסענעם, צו מיר אַליין, דעם צענטער.

צו מיר, דעם ערד־געבונדענעם, וואָס פרײַ איז בלויז מײַן תּפילה,
דערנענטערט זיך מיט האַריקער נשמה אַ גאָרילע:
- וואָס ציטערסטו? צוויפיסיק איז מײַן האַרץ ווי דײַנס. פאַרגלײַך עס -
צעקײַען וויל איך בלויז דײַן טויט און וויסן אונדזער שײַכות.

אַ פעלדמאַרשאַל מיט אַ מאָנאָקל, טאַפּנדיק אַ מאַפּע -
אַזוי זעט אויס דער טיגער ווען עס צערטלט מיך זײַן לאַפּע:
- מיר האָבן זיך באַגעגנט בײַ אַ וואַסער אין ראָדעזיע,
אַצינד בין איך געקומען צו פאַרזוכן דײַן פּאָעזיע.

און ווי אַ יונגע פרוי מיט עולם־הזהדיקע בליקלעך,
באַגלייטנדיק איר אַלטנס אָרון, אויסגעפּוצט און גליקלעך -
אַ קאָברעשלאַנג אין שוואַרצן קלייד. זי ציִשעט מיר אין אויער:
- מיר זענען ביידע סם, און צוויי מאָל סם פאַרסמט דעם טרויער.

די האַנט מיט שטערן אויף די פינגער שווימט אַוועק אַלץ בלייכער,
פון חלום וועגן חיות־גאָרטן איז דאָס ליד אַ זכר:
- בן־אָדם, טו אַ תּפילה וואָס דו קענסט נאָך טאָן אַ תּפילה.
- -
צוריק אין שטײַג דער טיגער און די שלאַנג און די גאָרילע.

תּל־אָביב, 16טן פעברואַר 1967

אַלט-יפֿו אין רעגן

אַרײַנפֿיר

געדעכט געווען איז פּליניוס דער היסטאָריקער: „די שטאָט
פֿאַרלייגט איז שוין געוואָרן פֿאַרן מבול“.
און איבער איר האָט אויפֿגעהאַנגען, ווי אַ פֿידל, גאָט
זײַן ערשטן רעגן־בויגן: זײַ מקבל.

די שורות מיטן רעגן־בויגן גיב איך צו אַליין,
זײַן צייכן האָט ער ניט אַנטפּלעקט דעם רוימער.
אַלט־יפֿו האָט געהויבן הענט פֿון אָדערדיקן שטיין
און אויסבאַהאַלטן דאָס געשאַנק אין חומר.

דער ברענענדיקער זאַלץ פֿון מבול אויף מײַן צונג. פֿאַר וואָס?
געקומען בין איך צו אַלט־יפֿו נ אָ כ ן.
און ס'ווייגט מײַן האַרץ, ווי אויף זײַן שיף דער טויטער אַ מאַטראָס,
אַנטקעגן ים, דעם ברוגזדיקן שכן.

– לחיים, ים, לחיים, טויטע שיף, געוויין, מאַטראָס,
און פֿאַר די כוואַליעס פֿון אַ מאָל עד־היום.
געקאָטעוועט פֿון ווערטער, טרינק איך זיך־אַליין פֿון כּוס
און מיטן רעגן קלאַפּ איך צו: לחיים!

דער לײַכטטורעם

באַזונדער איז דער לײַכטטורעם העלזועוודיק און וואַך
בײַ נאַכט און רעגן. קענסט אין ליכטפּאַס ציילן
די טראָפּנס, עלעהיי זאָלסט ציילן פּסוקים פון תּנך,
און זאַמלען אין זכּרון די, וואָס היילן.

אין גרינע, פּאָספּאָרנע ברעזוענטן לאָזן זיך אַצינד
פון גאַס פון די מזלות, און דערבײַ דאָ,
צום ים די פישערס. און אַ יונגע מאַמע מיט איר קינד
באַגלייט זיי פון אַ הימלישער געבײַדע.

און ווו די שיינע אַנדראָמעדאַ איז געווען געשמידט
און ס'האָט פּערסעוס זי באַפרײַט פון קייטן –
בײַם פעלדז אין ים – באַגלייט זיי אַלץ און היט
די מאַמע מיטן קינד און בינטל קווייטן.

ס'באַגלייט זיי אויך מײַן ברכה ביז צום האָריזאָנט. אַהין
ווו שיפן שפּרייטן בליץ־באַהעלטן שפּינוועבס.
און שטורעם שלײַדערט מיטן עק אין זילבערנעם געשפּין
צום אָנדענק פון די תּרשישן און ניגוהס.

קרױנען פֿון כוואַליעס

קאָראַלן אױף קאָראַלן. דור אױף דור. און קאָפּ אױף קאָפּ.
אָן דײַנע װענט פֿאַרזונקענע אין ייִחוס –
געפּלאַצטע, פֿאַלן קרױנען פֿון די כוואַליעס, אין גאַלאָפּ,
און שטורעמס – װי די מויערן יריחוס.

און אױפֿן באַרג, װוּ רעגן בױט פֿאַר זונפֿײגל אַ נעסט,
איך זע אים אין די שטיװל גלאַנציק האַרטע,
צעװישן זײַנע זעלנער די געשלאָגענע פֿון פּעסט,
דעם װוּנדערלעכן קאַרליק באָנאַפּאַרטע.

זײ װאַרפֿן זיך צו אים װי פֿיש אױף זאַמד אין לעצטן טראַנס.
מוזיק פֿון זיג אין צאַנקענדיקע חושים.
אַ זעלנער סאַלוטירט מיט האַנט אָן פֿינגער: װיװ לאַ פֿראַנס!
אַ צװײטער – צו אַ שטיװל, און אַ קוש אים.

ער ציט צוריק דעם שטיװל מיטן פֿלעק פֿון רויטן מאָן:
– דער טויט. קאַפּאַבל דורכצוקושן לעדער.
אַזאַ מין שונא זעסטו ניט אין שלאַכט, נאַפּאָלעאָן,
און זיכער זעסטו װאָס עס זעט ניט יעדער.

די אוצרות אויפֿן מאַרק

אַ סאַבליע פֿון באָמביי. אַ צניעות־גאַרטל פֿון באַגדאַד.
צלַח־אַלדין אין רײַטנדיקער גלאָריע.
אַ האַלבע אַפּראָדיטע קוקט מיך אָן מיט גאַנצן חשד.
ס'פֿאַרשפּילט זיך מיט איר שפּילצײַג די היסטאָריע.

צילינדער מיטן אַטלעסענעם אונטערשלאַק, אָהוי,
עס דרימלט איצט אין דיר אַ געלער קאָטער.
איר, אוירינגען, ווי טרערן פֿון אַ פֿרוי, כ'וויל זען די פֿרוי.
כ'וויל זען אַ שטיקל מאָרגן, טאַטע־פֿאָטער.

אַ קונסטווערק אָן אַ נאָמען, פֿון אַ פֿלעמישער פּראָווינץ.
אין סטיל פֿון לודוויק זעכצנטן – אַ שאַפֿע.
אַ שערבל פֿרעגט די זעלבע שאלה וואָס דער דענער פּרינץ,
געשלאָסן אינעם ים־געוויין פֿון יפֿו.

אַן אײַזעלע מיט בודאַ־אויגן, שמייכלענדיק און ראָז,
באַווײַזט זיך אויפֿן מאַרק. און וואָס צו ריידן? –
די וועלט־געשיכטע אָטעמס־אײַן זײַן וואָגן פֿרישן גראָז
און האָט הנאה פֿונעם טעם־גן־עדן.

שטילקייט און שטורעם

אַ זוניק פֿענצטערל אין חצות. אַ ציגל גרויס. איך וועל
(אַנשטאָט פֿון ים־געוויין אַראָפּ פֿון זינען)
אַרויפֿגיין זען, וואָס טוט אַ מאָלער אין זײַן ציטאַדעל.
זיי לעבן דאָ ווי טויבן אין רויִנען.

– מײַן פֿרײַנד, "אין האַרצן רעגנט" – זינגט ווערלען. איז נעם באַגילד
אין האַרץ דעם רעגן. ס'פֿײַער האָט געצויגן.
און פּלוצעם זע איך: בײַ אַ לײַוונט שטייט און מאָלט אַ בילד
אַ בלינדער מאָלער, מיט פֿאַרברענטע אויגן.

– דײַן שאלה, חבר, אויפֿן שפּיץ פֿון צונג, אומזיסט־אומנישט.
איך קען אָן ליכט ניט מאָלן אין דער פֿינצטער.
די פֿאַרבן ווילן זען זיך גופֿא – פּרוווט ער זיי און מישט –
אָן ליכט־און־שאָטן וועל איך זײַן דער בלינדסטער.

אַזוי איז אויפֿן דעק פֿון ים ווו זון האָט ניט געזונט,
נאָר צוליב איר געדײַען דאָרט יצורים.
און קומט זי בלויז צו חלום – ווערט אַ שׂימחה אויפֿן גרונט:
ס'האָט חתונה די שטילקייט מיטן שטורעם.

דער בדחן

- אַז טויטע ריידן ייִדיש און די לעבעדיקע - ניין,
פֿאַר וועמען זאָל איך שפּילן מײַן בדחנות?
אַז קינדער קאָנען טאַטעס, טויטע טאַטעס, ניט פֿאַרשטיין,
ווי קאָן מײַן האַרץ אַ ריקוד גיין, ווי קאָן עס? -

אַזוי האָט זיך צעגאָסן אינעם שענק "יורדי־הים"
אַן אַלטער לאָדזשער בדחן. און מיט משקה
צעבריט אין האַלדז דאָס צינגעלע, פֿאַרביסן מיט אַ גראַם:
- אוי, לעבן זאָל די משקה אין דער פֿליאַשקע.

און ווײַטער: - אַדרבא, זאָג, ס'איז טאַקיש אָך־און־וויי,
ס'איז אפשר מער אַ שדים־שפּיל ווי חידוש,
אַז לעבעדיקע זאָלן אין אַ היימישן מוזיי
ניט לאָזן טויטע ייִדן ריידן ייִדיש?

דער הייזעריקער בדחן וויינט. ער ציט אַרויס פֿון טאַש
אַ תּהילימל און - מזמור שיר לדוד.
- ווער ביסטו? - פֿרעג איך שטיל דעם צאַפּל פֿון געזאַנג און אַש -
אַ מת, אַ בדחן, צי אַ למד־וואָוו־ייִד?

דער גאָלדשמיד פון סאַלאָניק

צום גאָלדשמיד פון סאַלאָניק, מיט די אויגן דרײַ, (און אויג
איז צווישן ביידע ברעמען אויך די לופּע) –
אַרײַן בין איך אַ נאַסער מיט אַ שולדיקן פאַרנויג:
אַ מלכותדיקע, פּיאָלעטע חופּה.

– דו צערטלער פון אַנטיקן, איך בין אויסגעווען אַחוץ
דײַן אַלט־געשמידטער קראָם אין אַלע קראָמען:
אַנטפּלעק מיר דאָס באַהאַלטענע, באַווײַז מיר עפּעס גוטס
פאַר דער וואָס איך האָב ליב און בענטש איר נאָמען.

ער ציט אַרויס אַ צירונג־שאַכטל און אין בלויסטן צער
צעמיניען זיך סאַפּירן אויף זײַן דלאָניע:
– קיין איידעלערע איידלשטיינער האָב איך ניט, מײַן האַר,
זיי דעקן צו דעם פּגם צו דער האַרמאָניע.

נאָר זאָגן וועל איך דיר דעם אמת: די וואָס דו האָסט האָלט
און אירע הענט באַפליגלען דיר צוקאָפּנס –
איז ווערט אַ שענערן געשאַנק. באַקומסט עס אומגעצאָלט:
פון רעגן – טו איר אָן אַ שנירל טראָפּנס.

ריח פון יוגנט

ממשותדיק ווי ברויט־און־מעסער ביסטו, מײַן פֿאַנטאָם,
געקנאָטענע פֿון ליים פֿאַטאַ־מאָרגאַנאַ.
צי האָט אַ פֿיש מיך אויסגעשפּיגן פֿון אַ שוואַרצן תּהום
צו הערן ווי אַ רעגן שפּילט דאָ פּיאַנע?

איך הער. בין ווידער זיבעצן. דער ווײַזער גיט אַ ווײַז
צום ווידערמאָל אין זעלביקער אָרביטע
די יוגנט מײַנע. ס'קאָן די צײַט ניט לעבן אָנעם קרײַז:
אַ רעגן. זאַלבע צווייט. זי בעט זיך: ניטע.

און איבער ביידן האַלט זי, ווי אַ שבועה קעגן פֿליוך,
אַ רויט פֿאַרשעמטן אומשולדיקן שירעם.
און איך בין שיכּור, שיכּור פֿון אַ זעלטענעם גערוך:
פֿון רעגן? פֿון איר לײַב? פֿון שיר השירים?

אָ, מיידל מיטן שירעם איבער ביידנס קעפּ – אַ דאַנק,
וואָס דו ביסט אויך אַ זון אין רעגן הײַ־יאָר,
וואָס בלויז פֿון וואַסער האָסטו מיך באַשירעמט בלויז און שלאַנק,
און ניט געקענט באַשירעמען פֿון פֿײַער.

מאַטראָסן

דערטרונקענע מאַטראָסן פון קדמונים, ביז ניט־לאַנג
פאַרזונקענע בײַם באָרטן פון איטאַליע –
עס בלאָנקעט אַן אַנטרונענער בײַם ים־ברעג שלינג־און־שלאַנג
און זוכט אַ פּנים אײַערס אין אַ כוואַליע.

אָ, יונגלינגען, מיט יונגשאַפט ווי צום יאָר אַ פינפטער זמן,
מיט לאַכנדיקע מוסקלען און מיט נעגל –
און אַז די צײַט וועט קומען, וועט אין אָפּגרונט און טומאַן
געפינען אײַך משיח מיט זײַן זעגל?

מאַטראָסן מײַנע, שיכורע פון זיפּצנדיקן ספּירט,
פאַרוואַנדלטע אין פּערל אויף די גרונטן –
עס ווערט מײַן לײַב מיט אײַערע אוזאָרן טאַטויִרט
בײַם לייענען אַ פלאַש מיט זײַ־געזונטן.

דער הימלדנאָ אין ים איז אײַער האַפן. און איך קלער
אַן אויסטערלישן קלער דעם ים אַנטקעגן:
צו אײַער האַפן – ווי אַזוי צו שווימען אויף אַ טרער?
דער קאָמפּאַס איז בײַם רעגן, איז בײַם רעגן.

אַ גילגול

מיט פעסטונגוועגט ווי דאָקטער צ ײַ ט האָט קעגן זיך אַליין
געשטעלט זיך פּאָקן - איז באַשיצט מײַן צימער.
אַ פענצטערל אין גראַטן. און די שויב. ווי צײַן־אָן־צײַן,
דערציטערט אַ ניואַנס צו שרעק און שימער.

צעפּלעקטע אותיות פון אַן אַלט־אַראַבישן כתב־יד -
ס'געשריפּטס פון וואַסער אויף דער שויב. די גראַטן
דערמאָנען: ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ הייסער מאַסקאַראַד,
מיט אונטערציינדער, געטער, און פּיראַטן.

איך לענגער אויס די אויגן צו דערזען, ווער ס'האָט אַ מאָל
געלעבט אין אַלטן ציגלשלאָס. און שמועס
מיט פּנימער פון דערנער אין אַ בלויען אָרעאָל,
מיט קענטלעכע באַוועגונגען און תּנועות.

איך לענגער אויס די אויערן, די חושים, און פאַרנעם
געבורט פון גסיסה און מײַן אייגן וויגל.
איך בין געבוירן דאָ. געשטאָרבן. ס'האַלטן מיך אין קלעם,
אַלט־יפו, דײַנע סודותדיקע ציגל.

1967

פירקאַנטיקע אותיות און מופתים

צו אַ פֿרײַנד אויף אַ נײַעם בית־עולם

א

מיר האָבן דיך געטראָגן צווישן דיונעס העל צעוויגטע,
אַדורכגעגליט מיט מעסערדיקע שאָטנס וואָס דערמאָנען
אָן אײַנגעצויגן הענגענדיקע בײַכער
בײַ טיגערינס
וואָס האָבן נאָר־וואָס טיגערלעך געבוירן.
מינוטן שפּעטער זענען זיי געווען שוין זעגלשיפֿן –
אַ רויטער אָטעם יאָגט זיי און ער קען זיי ניט דעריאָגן.

און בלויז דער פֿינצטערער קוואַדראַט פֿון פֿלויט
האָט אויסגעווינקלט אָן גענאָד
און אָן־צו־אַפּעלירן
די שטרענגע ליניע צווישן טויט און לעבן.

אַ לויב אײַך דיונעס,
מלכותדיקע דיונעס.

געווען איז נאָך דער פֿלויט אַ ניט-געענדיקטער.
די מײַסטערס –
מיט וואַסערוואָג און בלײַוואָג
האָבן אים באַליימט, באַציגלט,
געמאָסטן און געמאָסטעט,
און מיט די שווערע האַמערס
קוים־קוים אַ גלעט, אַ צערטל,
יעדער קלעפּעלע – דורך סאַמעט.
אַ וווּנדער? אַנדערש פּלאַנט דער מענטש
אַ הויז פֿאַר זיך אַליין,
און אַנדערש – צו פֿאַרקויפֿן, צו פֿאַרדינגען
אומבאַקאַנטע.

מיר האָבן דיר געהאָלפֿן קומען צונעם געלן תּהום,

דיך אײַנגעמויערט ווי אַ גרונטפעסט,
יאָ, ווי אַ מגילה -
געטונקען האָט דער טויט זײַן פען אין דײַנעם
אַ לעבעדיקן טראָפּן בלוט
און אויסגעצוקט זײַן נאָמען.

מיר האָבן דיך פאַרזיגלט מיט אַ מלכותדיקער דיונע.

ווען אונדזערע צוריקטריט
האָבן אָנגעקוואָלן שוימיק
מיט פרישע אײַליו־ליוליעדיקע זאַמדן, -
האָט אויסגעפּיקט זיך, ווי די וואָר פון חלום,
אַן אַנדער זאַמד.
אַן אַנדער מין געהעמער:
אין בלויגעוועלב מאַרשירט אַ בעלקע שטאָל.
אַ מויערער גיסט אָפּ אַ צווייטן מיט אַ פולן עמער.
און קעגן איבער הענגען רושטאָוואַניעס פון קרישטאָל.

ב
מיר זענען ווידער אָנגעשווומען -
צו דײַן ערשטן יאָרצײַט,
מיט אָפּשפּיגלונג פון אַ מצבה אין פאַרהויכטע אַפּלען.
למען האמת איז דער "מיר"
געוואָרן מינער, דינער.
אַ בוזעמפרײַנד האָט גאָר פאַרגעסן אַז ביסט אַלט אַ יאָר.
אַן אַנדערער פון דײַנע פאַראַיאָריקע באַגלײטערס
האָט מיטגעצויגן, פליִענדיק צו דיר, אַ האַלבן הימל.
אַצינדער טוליעט זיך בײַם פלויט זײַן אומגעשטילט געלעכטער,
צעשפּליטערט ווי אַ רויער שטיק בורשטין.
און דינער איז געוואָרן אויך דער "מיר"
מיט יענער פרײַנדין,
וואָס עפּעס האָט זי אויסגעזוען אויף דײַן לוויה
בלאָנדער.

גענוג. צי דאַרף איך דיר דערציילן ווער עס פעלט צום יאָרצײַט?
עס פעלן אויך די גאָענטע וואָס זענען דאָ פאַראַנען,
געבויגענע אַרום ירושלימדיקן מירמל.

געוואַלד געשרײַען, ס'איז דאָס גוטע אָרט –
ניט אויפן אָרט!
ווו זענען זײ, די זעגלשיפן זײַדענע,
די דיונעס?
אַוועקגעשווומען? ווי אַזוי? דער פינצטערער קוואַדראַט –
איז הויך און מאַכטיק. ניט קיין פלויט, נאָר אַ באַלעגער-מויער
אַרומגעשאָטן מיט אַן ערדוואַל. ווי אַזוי אַנטרינען
אַזוי פיל דיונעס,
מלכותדיקע דיונעס?

אַ תּימנער מצבה-קריצער לערנט-אײַן דעם דלאָט
אַן אלף-בית פאַר מתים. ס'האָרכט זײַן אייניקל, דער עכאָ.
אין סאַמע מידבר האָבן טויטע אויסגעבויט אַ שטאָט.
און איבער איר אַן אַנדער שטאָט,
אַ לעבעדיקע שטאָט –
מה טובו אוהליך!

ג

ס'געזעגענען זיך דײַנע פרײַנד מיט דיר
און קיינער זאָגט ניט:
צום ווידערזען – –
פּאַוואָליע גייען מיר אַרויס פון טויער.
נאָר איך באַהאַלט זיך צווישן אַ געזעמל
און קום צוריק אַליין
צו דײַן פאַרשעמטן רויזן-שאָטן.
אַצינד, אַז קיינער שטערט אונדז ניט צו שווײַגן,
דערלויב איך זיך צו אויסגיסן דאָס האַרץ:
– געדולדיקער און אויסגעהיילטער.

ס׳פּירן דאָ מלחמה
די שטאָט וואָס אונטער דר׳ערד
מיט יענער שטאָט וואָס אונטער הימל –
צי קענען ביידע שטעט ניט שליסן שלום?
דערלאַנג אַ שוויַיג.
אַ סימן
אַז מיר זענען אומצעריסן!

מוראַשקעס וואַנדערן אַרויס פון דיַין פאַרשלאָסן מויל,
באַלעגערן דיַין מירמלשטיין און שריַיבן רונד אַרום אים.
דאָס זענען דיַינע ווערטער צווישן ביידן.

צוזאַמענרופן וועל איך איצטער זקנים און חרטומים,
זיי זאָלן מיר דעם לשון פון אַ טויטן פריַינד באַשיידן.

1965

מײַן טאָכטער זוכט די סודות פֿון מצדה

ווען ערשטער גאָלדשאָטן פֿון אָדלער טרײסלט אָפּ דעם טוי פֿון כּתר
און שנײַדט פֿונאַנדער נאַכט אויף צווײ, אַז רויטער זונשניט בלײַבט אין וואַדי־
צוזאַמען מיטן אָדלער, מיטן פֿלײַענדיקן מעסער,
מײַן טאָכטער כאַפּט זיך אויף און קלעטערט צו אַ קאָלאָנאַדע,
געבויגן אונטער אויסגעברענטע, הענגענדיקע שלעסער.
דערקלעטערט שוין אויף יעקבֿדיקן לײטער,
אַצינד נאָך איר – אַ צווײטע, צי אַ צווײטער.
מײַן טאָכטער זוכט די סודות פֿון מצדה.

דער ווינט איז פֿעלדזיק אויפֿן פֿעלדז און רײַסט איר די אַבאַיע,
אַרומגעבונדן פֿעסט מיט זיבן קניפּן.
דאָס מורדים־בלוט, ס'פֿאַרבאַקענע אין שטײן, דערפֿילט דאָס נײַע
און זעצט אַרויס מיט זאַלץ פֿון אירע ליפּן.
און קעגן איבער, אויף די הרי מואָב, כּישופֿט בלעם –
האַלב מלאך און האַלב חיה.

מײַן טאָכטער זוכט די סודות פֿון מצדה, און זײ ניגלהן
באַגראָבענע פֿון זידנדיקער צײַט און אירע זיגלען.
סקעלעטן ווערן ראָז פֿון אַלטע גלאָריעס.
און ס'דאַכט: עס האָבן ווידער זיך אַראָפּגעלאָזט נפֿילים
און לויערן פֿון דאַנען אויף די טעכטער פֿון מידבריות.

אַזוי, ביז נאַכט פֿאַרזיגלט ווידער הימליש אויסגעמינצטע שקלים,
אַז אויסגראָבן זאָל זײ אַ דור אַן אַנדערער, אַ ווײַטער –
מײַן טאָכטער זוכט די סודות פֿון מצדה, און אין חלום
זי זוכט זײ ווײַטער,
זײ זענען אירע מײדלשע רובינען און אַגאַטן.

אוי, טאָכטער, קענסט שוין בעסער יעדן שערבל און אַ ליאַדע
געהײמען שטיקל פֿאַרמעט און די סודות פֿון מצדה,
ווי סודות פֿון דײַן טאַטן.

1965

דער נזיר

פֿאַר ד"ר אהרן שטיינבערג

"ווי הויך ס'איז ניט מצדה, זענען העכער אירע תּהומות" –
אַ קול פֿאַרנעם איך צווישן פֿונקען־שפּריצנדיקע בלאָקן.
צעשניטן ווערט מײַן זונג פֿון גראַניטענע חלומות:
אַ נזיר קוקט אַרויס פֿון הייל אין קרוין פֿון רויטע לאָקן.

אַ סימן ווײַזט ער, אַז פֿאַראַן אַ שטעגל
אַרויפֿצוקלעטערן צו אים. איך קלעטער מיט הנאה
ווו שטורעם האָט געטראָגן הייסע שטילקייט אין די נעגל
און איצטער ליגט זי אינעם תּהום אַ קאַלטע און אַ בלאָע.

אַרום איז מידבר.
מידבר זאַלץ
און מידבר ים. באַגינען.
די הייל איז פֿול מיט אותיות פֿון צעפּאַלענע מגילות.
ניט אותיות, ניין: אַ בינשטאָק איז אין הייל. און בינען, בינען,
ווי שימערדיקע אותיות אונטער פֿאַרמעטענע הילעס.

דער נזיר טרײַבט זיי מיט אַ מאַנדלשטעקן פֿון טעראַסע:
– קונדסים, צו דער אַרבעט! און צו מיר – אַ סוד ער זשומעט:
– איך לעב דאָ מיט אַ קעניגין, איז ניט צו שאַרף די משׂא,
און מײַנע אייניקלעך די בינען זויגן־אויס דעם אומעט.

איך זאָג צום נזיר: – ברודער, פֿריד צו דיר און דײַן פֿאַמיליע,
אַ קעניגרײַך צו פֿירן איז אַוודאי ניט אײַנטאָניק.
אַרום איז ווײַסער זאַלץ ווי שניי, ניט האָניקבלום, ניט ליליע,
פֿון וואַנען ברענגען דײַנע בינען האָניק?

זײַן לייבן־פּנים בײַט זיך, ווי אַ וואָלקן אין אַ שפּיגל:
– אַזאַ מין האָניק וועט דײַן ווײַב דיר ברענגען פֿאַר אַ לירה

פון מאַרק. און אויב דו ווילסט – אַ גאַנצן קריגל.
די בינען מײַנע פֿליִען צו די ספּערן,
צו די שטערן,
און זויגן־אויס דעם צופּנדיקן טעם פֿון דער יצירה.

אַ האַנט אין בינשטאָק טוט אַרײַן דער נזיר. אַז ער ציט
אַרויס צוריק – איז אים די האַנט מיט פֿנימלעך באַצויגן.
און אויך די קעניגין איז דאָ. ס'ווערט ליכטיק אין גראַניט.
– בן־אָדם גיב אַ לעק.
פֿאַרמאַך די אויגן.

1966

נשמה אין שטורעם

איך זע אים הײַנט װי נעכטן: אַ נאַקעטן אין שטורעם.
פֿון באַרג מירון, מיט מירטנצװײַגן פֿרישע, קומט דער װאַנדלער.
בלויאויגיק און בלוילײַביק שטעלט זיך אָפּ דער בעל־יסורים
און לייגט זיי אויפֿן קבר פֿון ר׳ יוחנן הסנדלר.

– דער אַלטיטשקער האָט ליב דעם גוטן רחמימדיקן ריח –
אויף מאַמע־לשון זאָגט דער ייִד. און – גיי דײַן װעג, באַגלייט ניט.
איך טראַכט: מע דאַרף אים צוטראָגן אַ העמד... נאָר זעען זע איך:
ס׳באַפֿאַלט אים אַ זעקספּליגלדיקער האָגל װאָס צעגייט ניט.

דער נאַקעטער באַשיצט זיך – ניט פֿון האָגל. האָט מסתּמא
געלייענט מײַן געדאַנק, און טוט אַ שפּרונג אַהינטער: – ניטע,
דאָס טרייסלט זיך פֿון בלויער קעלט מײַן נאַקעטע נשמה,
די גלידער זענען דװקא גלי־צעגליטע.

װי מאָלט מען אַ נשמה װאָס פֿון בלויער קעלט איז בלוי,
פֿאַרשלונגען אויפֿן באַרג מירון, אין שטורעם דעם צעהימענטן?
װען איך װאָלט זײַן אַ מאָלער װאָלט איך מאָלן זי אַזוי:
אַ בלויע מירטנצװײַג מיט בלײַענדיקע דימענטן.

1965

בײַם טויער פון עזה

פֿאַר זאב שענקער

איבער הייגאָפּלען פּיר אַ געלאַטעטע חופּה.
איז געבליבן אַ נאָדל אין איר צי אַ שטערן?
צו דער חתונה וויַזט זיך אַ פֿויגלשע טרופּע
פֿונעם אַנדער זײַט גבול. און פֿאַראַן וואָס צו הערן.

דער פֿאַרנאַכט איז אַ טויִקער, שעמעוודיק ראָזער,
ווי דער שמייכל פֿון כּלה אַנטקעגן דעם חתן,
וואָס אַציִנד קומט ער אָן אויף אַ הויכן בולדאָזער
פֿונעם גרענעץ - פֿאַר פֿייגל נאָך אַלץ ניט געשלאָסן.

סאַראַ זאַנגענע ליבשאַפֿט באַגלייט אים פֿון שטעגל,
ווי שאַקאַלן־געוואָי און געלאָדענע שׂינאה!
און מיט פֿרייד זענען שטאָטישע געסט עולה־רגל,
און אַפֿילו די קו מיט דער סטאָיִשער מינע.

און אַפֿילו דאָס באָרוועסע ווינטעלע צווישן
אַן אַלעע פֿון סאַברעס, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ ניסתּר.
אויפֿן גראָזיקן פֿליִען זענען גרייט שוין די טישן,
און פֿאַרסאַפּעטערהייט יאָגט אַרײַן אַ מיניסטער.

איבער הייגאָפּלען פּיר אַ געלאַטעטע חופּה.
מיטן אָפּשײַן פֿון בענטשליכט איז וואַרעם דאָס רינגל.
און פֿאַרזיווגטע פֿייגל אַ פּאָר פֿון דער טרופּע
"הרי־את הרי־את", זאָגן אונטער דעם ייִנגל.

שפּעטער לאָזן זיי הענגען אין חלל די פֿלייטן
און פֿאַרזוכן דעם ווײַן און אַ לעק עולם־הזה.
ביז דער מאָרגנרויט - שמשון אין קופּערנע קייטן,
גיט אַ טרייסל די זײַלן פֿון נאַכט איבער עזה.

1966

קינדווײַז

בײַם קלײַבן בוימוואָל –
שנײ וואָס פאַלט פון זיך אויף זיך – אין סאַמע
צעקאַלכטן מידבר,
האָבן שוין פאַראײַנוועגס מײַנע פינגער
צונויפגעקליבן אוצרות פון אַ נײַער פאַנאָראַמע.
און בין געוואָרן וואָס אַ רגע ייִנגער.

אַנשטאָט אויף קריק,
צו ערשטער ניט-געענדיקטער סימפאָניע,
געוואָרן בין איך ייִנגעריש פאָרויס
און אַלץ פאָרויסער.
און ס׳האָט דער שנײ געזונגען אויף מײַן דלאָניע:
"דו ביסט אַליין דײַן חלום און דײַן פותר".

באַשערט איז מיר צו זען-דערזען דעם גילגול פון מײַן פּנים:
די זעלבע טרער, ווו אינעווייניק לעשט זיך ניט איר פלעמל.
און אָט איז אויך דער זעלבער בלאָנדער קעמל,
וואָס אויסגעשניטן האָב איך אים פון גאָלדפּאַפּיר נאָך קינדווײַז.
אַציינד איז ער זײַן לעבעדיקער גילגול.
איך דערקאָן אים –

1965

דײַן מאַמעס ליפּן

ארץ־ישׂראל־ערד האָט ניט פֿאַרזיגלט דײַן מאַמעס געהײליקטע ליפּן –
אונטערן גלות.
תּפֿילהדיק שעפּטשען זײ:
"קינד מײַנס, פֿאַרנעמסטו מײַן לשון?"

וואָרהאַפטיק, ביסט שוין אַ פּלוצעם געוואָרענער זקן,
דאָך ביסטו אַלץ נאָך אַ קינד און אַן אײניקל. זי –
אײביק דײַן מאַמע.
ווילסטו פֿאַרטויבן דײַן מאַמעס געהײליקטע ליפּן?

סײַדן דו האָסט זיך דערמאָנט, אַז די מאַמעלע
וואַלגערט זיך אונטערן גלות,
ווילסטו מיט ליבשאַפֿט מיט אירער אַצינד זיך פֿאַרקניפּן,
שיטסטו פֿון דאַנען איר ערד אויף די ליפּן
אַנשטאָט איר צו ברענגען גלאַדיאָלעס.

1966

אַ טינטפיש אויפן ים־ברעג פון אילת

איך האָב געזען אַ טינטפיש אויפן ים־ברעג פון אילת:
זײַן קעניגרײַך דאָס טונקל פּיאָלעטע
אין ווײַסן זאַמד –
אַן אינדזעלע פון וואָלקנדיקער סלינע –
האָט ניט געזעטיקט זאַט
מײַן זעונג. הײַנט זײַן שטאָלצע מינע!

"אַרויפגעשאָסן האָט אים אַ ראַקעטע
פון טיפעניש קאָראַלענער
מיט שטעט פון טויזנט גאָרן.
דאָרט ווינען מענטשן אין געשטאַלט פון צמחים
און זייגערלעך פון פלייש, וואָס קיינער האָט זיי ניט געבאָרן.
דאָרט ווינען ברואים, ווי דערטרונקענע כינעזישע מלכים". –

אַזוי האָב איך געקלערט. און ער? די שפּאָגל נײַע געגנט
פאַרכישופט האָט אים אויך. און ס'איז מײַן זעונג און מײַן קלערן
אַרײַנגעשווומען אין זײַן סלינעדיקן פּיאָלעט.
זײַן פּראָפּילאויג מיט מײַנס האָט זיך באַגעגנט:

"אַזוי וועט אויסזען אויפן מאַרס, צי אויף אַן אַנדער שטערן,
דער ערשטער ייִדישער פּאָעט".

1966

צווישן בעדויִנער

דאָנערשטיק, ווען ס'זאַמלען זיך צוזאַמען בעדויִנער
מיטן הכּל־בכּל אויפֿן מאַרקפּלאַץ אין באר־שבֿע –
האָב איך ליב צו קומען האַנדלען דאָס געווין פֿון הינער,
שטאָלצע קעמלענע הכנעה צווישן זאַמד און פּלעווע.

יאָ, איך קום און האַנדל־איַין די זעלטנסטע מציאות:
מידבר־שטערן אין אַ שוואַרצער פֿאַנגנעץ בײַ אַ זקן,
חכמה פֿון אַ סאָווע, הינטער דימענטענע וויִעס,
קלאַנגען וואָס דאָס בינענפֿאָלק שמידט אויס אין שטומע שטאָקן.

אָבער לויבן גאָר באַזונדער וועל איך איצטער מוזן
צווישן אַלע גוטיקייטן אויף די מערק, יאַרידן –
איין מין סחורה: גרינע, טיגער־אַפּלענע אַרבוזן,
מײַסטעריש געבויט אין פּיראַמידן, פּיראַמידן.

ווי אַ רויטע קאַלטע זון, אַרומגעזוימט מיט שוואַלבן,
ליגט אַ האַלבער, גלײַכער אַרבוז אין זייער שאָטן.
וועמען זאָל איך ברענגען אַ מתּנה אָט דעם האַלבן? –
סײַדן דעם וואָס האָט מיך פֿון זײַן חלום אויסגעקנאָטן.

1964

אין יפו

בײַם יאָמערדיקן ים־ברעג װוּ ס'איז יונה
פֿון זיך אַלײן װי פֿון אַ שלאַנג אַנטלאָפֿן,
אַנטלױפֿן װיל איך אין אַ שװערער שעה פֿון
זיך אַלײן – מײַן לײַבלעך נאָנטן שׂונא –
קײן תּרשיש, ניט אַהין: צו װערטער, סטראָפֿן.

און לעב איך איבער מײַן אַנטלױף אין דימיון
בײַם יאָמערדיקן ים־ברעג – ערשט אַ כװאַליע
געשטיקט פֿון טרערן, װאָס באַזונדער מיניען,
פֿאַרשלינגט מיך אין אַ העפּטיקער באַטאַליע.

װוּ בין איך? װעט פֿאַרנעמען מײַן געשרײ װער?
די כװאַליע שנײַדט דעם ים און ער איז אָפֿן.
אַרײַנגעצױגן בין איך אין זײַן קבֿר.
אַנשטאָט פֿון זיך – בין גאָר צו זיך אַנטלאָפֿן.
און די װאָס איך בין זײער מױל,
דער לעצטער גלי פֿון זײער קױל –
דערלאַנגען מיר צום עסן װערטער, סטראָפֿן.

1964

זילבערנע רויִנע

ניט גאָט־אַנטלויפֿער – שד־אַנטלויפֿער איז געווען דער מאַן
וואָס גלי־קויל האָט באַרירט אין טאָל זײַן חלום.
און ניט אַ פֿיש פֿון אינגעווייד אין שוימיקן טומאַן –
אַרויסגעשלײַדערט האָבן גאָר סקעלעטן פֿונעם טאָל אים.

"סקעלעטן ברידער, ווײ מיר, איך בין שולדיק אײַך אַ דאַנק,
נאָר וויפֿל כ'זאָל ניט לײַדן – קען איך ווערן אײַער לײַדער?"
אַזוי האָט זיך געשלאָגן קאָפּ־אָן־פֿײַער זײַן געדאַנק,
ווען אָן אַ שאָטן האָט ער זיך באַגעגנט נאָכן שלײַדער.

"געבענטשטער אינדזל, שענק אַ שטיקל שאָטן מײַן געמיט,
אַז איך זאָל קענען בענטשן דײַנע בלִיענדיקע בלויען".
און אים צוקאָפּנס האָט זיך דעמאָלט רחמימדיק צעבליט
מיט לעבעדיקן שאָטן – אַ קיקיון.

און אַז דער מאַן איז אײַנגעשלאָפֿן, האָט זיך איבער אים
געזילבערט אַ רויִנע. און ער האָט גערעדט פֿון דרימל:
"אָ, גרייט ניט אָן אַ צווייטן מאָל קיין וואָרעם, אלהים, –
אַניט וועט ער צעגריזשען סײַ דײַן ערד און סײַ דײַן הימל".

1965

אויף מאָרגן נאָך אַ נאַכט אין יפו

גלייבן אַ צײַטונג, אַז קוים און בקושי
גלייב איך אין צײַט, וואָס מיר גולמט אַנטקעגן
ווי אַ בילד פון אַ קינסטלער
אַן אולטראַ־אַבסטראַקטן?

ענטפערט אַ קול: אַברהם, אַברהם,
בעסער ניט גלייבן אין זיך,
ווי ניט גלייבן אין פאַקטן!

און דער פאַקט איז אַזאַ:
אין אַ רעמל פון טונקעלן גראָ
פאַרזיגלט איז פּלוצעם אַ נאָמען:
דער־און־דער איז ניטאָ.

דער־און־דער האָט ערשט נעכטן אין יפו
מיר געלייענט בײַם ים אַ סאָנעט.
און געשפּאַנט ווי אַ יונגע זשיראַפע:
ליליפּוטיק איז, האַר, דײַן פּלאַנעט.

איז ווי קאָן דאָס זײַן,
ער זאָל פּלוצעם ניט זײַן?

דער מושל בײַם ים איז געבליבן דער זעלבער
וואָס נעכטן.
דער שטאָציקער שטיין איז געווען און איז דאָ
און האַלט ווײַטער אין שעכטן
די שוימיקע העלדזער פון כוואַליעס;

אַפּילו דער גליוואָרעם צווישן טיף־גרינע
געפלעכטן,
עס רוט אויפן פּיצל די זעלביקע שכינה
וואָס נעכטן -

איז ווי קאָן דאָס זײַן,
ער זאָל פּלוצעם ניט זײַן?

סאַראַ שפּיל און שגעון,
צו באַשאַפן אַזוי פיל ניטאָען.

1966

די שערבל־יעגערס

מיט נאָזלעכער פון הינט

די שערבל־יעגערס - אָט איז מײַן קאָמפּאַניע.
אום האַלבער נאַכט מיר הייבן אָן צו שפּאַנען
פון ים־סוף, דער קאָראַלענער אַכסניה,
אין ריטעם פון די אַלטע קאַראַוואַנען.

די שערבל־יעגערס לויערן. אין זייער
קדמונישן זכּרון ווערט נתגלה
די מאָרגן־הירשין, ווי עס וואָלט איר שלייער
פאַרגעסן אויסטאָן ערב שלאָף אַ כּלה.

און מאַנען מאָנט אין זעלביקן זכּרון
אַ שפּליטער פון אַ קריגל, צי אַ כּלי,
ווו טויטע עלטער־זיידעס דרייען קאָרן
ס'זאָל בלײַבן פאַר אַן אייניקל - במילא.

און דאָרשטיקער צו שטיינדלעך ווי צו קוואַלן,
מיט נאָזלעכער פון הינט אין דינסטער שפּירונג,
זיי ציִען דורך אַ וואַדי און באַפאַלן
די שערבלעך פון זײַן אויסגערויבטער צירונג.

צום פֿײַערשטיינדל

דו פֿײַערשטיינדל מיט קאָליר פֿון לאַווע,
דו ביסט געווען אַ מעסער, אַ כּלי־זיין.
געשלאַכט, קאָן זײַן, אַ ציגנבאָק פֿאַר יהוה
בײַ אָפּגעמעקטע צייכנס פֿון געבײַען.

פֿאַרוואָר, מײַן מגין פֿינגער זענען ברידער
צו יעניקע, וואָס האָבן דיך געשליפֿן
און הויערן צעשטויבטע אין דער נידער
צוזאַמען מיט מלכים און קאַליפֿן.

וואָס מער איז דאָ געבליבן? בלויז אַ סימן,
אַ ן עדות נאָך צעשערבלטע אמונות.
באַשערט איז מיר צו זינגען דיר אַ הימען
אין ריטעם פֿון די וואָגלענדיקע דיונעס.

נאָר איידער ס׳וועט דאָס נאַכטזאַמד מיך פֿאַרזיפֿן
און חלום וועט זיך אָפּטיילן פֿון טרוימער –
באַשווער איך דיך מיט בלוט פֿון מײַנע ליפּן:
צעפֿינקל דײַנע סודות פֿונעם חומר!

מידבר־זון

אַ דאָרנגראָז אין מידבר ציִן. און דינער
פון דינער נאָדל. אויסגעזויגן בלוילעך.
אַליין. אין זאַמד. און דאָך מיט ניט־פאַרגינער,
וואָס גינען יאָ – אים ברענגען פאַרן מולך.

אַ גאַנצן טאָג צופוסן און צוקאָפּן –
די זון. די זון. אין צאַנקעדיקן פּיצל –
שוין אויסגעגליט זײַן חלום פון אַ טראָפּן.
דער גואל בלאָנדזשעט. ווי זשע ווערט מען ניצל?

ס'קומט אויס: די זון האָט זיך פאַרלייגט בעיקר
דעם דאָרנגראָז צו ברענען און צו בראָטן.
און וווּנדער: בײַ איר עלנטן צוריקקער
אַלץ לעבעדיקער, לענגער פאַלט זײַן שאָטן.

אַזוי אויך דו, פּאָעט, אין גרויל צעברענטער,
וואָס צײַט האָט זיך פאַרמאָסטן דיך פאַרלענדן:
צום אייגענעם פאַרגאַנג זי נידערט נענטער,
און לאַנגער שאָטן פאַלט פון דײַנע לענדן.

דריטע שטילקייט

צוויי שאָלן זע איך הענגען מיר אַנטקעגן:
אויף איינער שטילקייט פונעם ים. אויף צווייטער –
די מידבר־שטילקייט. עמעץ דאַרף זיי וועגן.
און זייער אורגעווין איז מײַן באַגלייטער.

דאָס צינגל ציט אַהער־אַהין. דערווײַל ניט
באַשטימט נאָך סאַראַ שטילקייט ציט אַרונטער.
אַנטלויף ניט, האַרץ מײַנס, בלײַב אַ רגע. אײַל ניט.
פאַראַן אַ דריטע שטילקייט, הער זיך אונטער:

זי האָט געבוירן ס'לעבן. איז אומשטערבלעך,
ניטאָ אַ זאַמד ווו ניט פאַרזייט איר זאָמען.
די שערבל־יעגערס קושן אירע שערבלעך,
מע רופט זי טויט, נאָר אַנדערש איז איר נאָמען.

בײַ נאַכט, ווען שאַרפער זילבערן די שאָלן
מיט ים־און מידבר־שטילקייט בלוי צעגליטע,
דאָס צינגל דרימלט אײַן אָן קלאַנג, אָן קול – און
די דריטע שטילקייט רעדט פון שלאָף. די דריטע.

די זאַמדפרוי

און אײדער ס'האָט אַ צי געטאָן זײַן אָרעם
אַ שערבל־יעגער אויף צוריק בײַם ווײַזן –
יאָגט אָן אַ רויטע שוימיקייט פון דרום.
די מידבר־זון ווערט פלוצעם גרויער אײַזן.

געשווינדער ווי אויף אָדלערישע פליגל,
באַנומען פון עקסטאַז, מיט הוילע בריסטן –
די זאַמדפרוי קומט צו טאַנצן אין אַן עיגול,
די זאַמדפרוי וויל די וויסטעניש פאַרוויסטן.

און טאַנצנדיק איר עיגול־טאַנץ פון קינאה,
פאַרשלינגט זי, ווי אַ הונגעריקער – זעמל,
צוזאַמען מיט די בעזעמבײמלעך דינע,
אַ נאַרישן, אַ קײנעמסדיקן קעמל.

די זאַמדפרוי לאַכט. אַראָפּ איז זי פון זינען.
אַזוי וועט זי פאַרשלינגען אין איר מאַניע
די שערבל־יעגערס. נאָר ס'וועט זיי געפינען
אַ יונגע, אומדערשראָקענע קאָמפּאַניע.

אילת, יוני 1966

צוגעדעקט מיט האַלב ירושלים

צוגעדעקט מיט האַלב ירושלים ביזן
אָטעם,
צוגעדעקט מיט מויערן, מיט הענגבאַלקאָנען, ביזן
פרילינג פון שוואַרצאַפּל, ביזן
בראשית פון קאָליר –
צוגעדעקט מיט שטערן
דורך אָליון־צווײַגן דינע,
אויסגראַווירט אויף נאַכטמעטאַל
מיט נאָדל פון דער שטילקייט –
צוגעדעקט מיט קוואַלן, וווּ עס באָדן זיך מלאכים,
איידער זיי פֿאַרוואַנדלען זיך אין פויערים, אין שמידן –
ציִען זיך און וואָרצלען
דורות־לאַנג די פינגער מײַנע,
ציִען זיך און טאַפּן אָן ממשותדיק ווי ליים
זיך אַליין, און אַל דאָס ניט־פאַראַנענע.

1966

אין ליכט פון זיבן ספערן

ער שווערט זיך בײַ זײַן זיידן, בײַ דער האַנט מיט בלויען ציפער,
און וואָלט ער קענען, וואָלט ער שווערן טיפער:
- איך האָב געפונען.

- רויט-פּאהדיקער וואָלקן, וואָס געפונען, וואָס צי וועמען?
ער שמייכלט מיט די בליצנדיקע ברעמען:
- משיחס טאָגבוך.

איך זאָג צום אויסטערלישן ייִד: נו, ווײַז אַ בלאַט, אַ בלעטל,
אַ שורה ווײַז מיר - בעט איך שוין און בעטל -
ניט מער: די אותיות.

- און אַז דו וועסט מיר צוטראָגן פון רײנסטן גאָלד אַ פּאַלמע,
באַצאָלן אויף אַן אָרט כל הון דעלמא,
איך וועל ניט ווײַזן.

צו לייענען, צו דאַוונען פון זײַן בלאַט ווי פון אַ סידור,
באַשערט איז בלויז דעם שטויב פון דײַנע ברידער,
כּדי צו לעבן.

- צי בין איך דען אַן אַנדערער? איך ווײַז מיט שטויב פון שאַרבן.
אַפילו איך זאָל וועלן, כ'קען ניט שטאַרבן,
געהער צו יענע.

דער שײַמעסדיקער ייִד וועקט אויף די ערד פון איר תּרדמה.
עס פּאַלט אין שטויב אַ שײַמע נאָך אַ שײַמע
פון זײַנע פינגער.

און ווי די קרוין פון מלך דוד, זוניק-פּײַכט פון טרערן,
צעשימערט זיך אין ליכט פון זיבן ספערן
ירושלים.

1967

פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים

פּירקאַנטיקער טויער:
פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים.
פּירקאַנטיקע שטיינער –
געשפּאָלטן אײַך האָט ניט קיין אײַזן, עס האָבן אײַך ליפּן געטעסעט.
און ווײַס איז דער שטויב דורכן טויער, אַ תּחית־המתימדיק ריינער,
ווי אויבן די יונה הומיה, זיך אויסגעפּיקט נאָר־וואָס פון חסד.

די זון הינטער בערג איז פון ריפּ פון דער נאַכט שוין געקנאָטן,
די שטויביקע פּנימער זענען מיט איר דורכן טויער אַצינד עולה־רגל.
פון זעלביקן ליכט איז געבוירן די זון און דער שאָטן,
אַ שטויב נאָך אַ שטויב זינגט אַ לויב צו זײַן שבט און דגל.

אַ קאַלכאויוון שטויב איז דער שטויב דורך פּירקאַנטיקן טויער:
דער שטויב פון פּירקאַנטיקע דורות, דער שטויב פון מײַן מאַמען.
מײַן אייגענער שטויב איז געוואָרן גראַניט אין סוף־נאַכטיקן, זוניקן זוהר,
מיט אַלע פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים
צוזאַמען.

דערצייל מיר, באַשטויביקטער ברודער, בײַ שטיינער ווי לײַב און פּירקאַנטיק,
דערצייל מיר, וואָס דאָ איז געשען, אַז דײַן קאָפּ איז הײַנט אַנדערש געבויגן?

– אַ האַנט איז געגאַנגען אין פײַער און האָט פון דער צײַט אייגנהאַנטיק
באַשאַפן אַן אייגענע רגע
פאַר דיר און פאַר מיר אין די אויגן.

בײַם כותל, ד׳ סיון תשכ״ז

אינהאַלט

בײַם פֿײַער־שפּיגל
[9] דער קראַנקער פּאָעט צו זײַן חבר
[10] ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן
[12] באַלאַדע פֿון אײנציקער שורה
[16] די רייד פֿון מאַעסטראָ
[17] קײַקלען שטיינער
[18] איך לייג אַליין זיך ווערטער
[19] ליד וועגן צוויי מלאכים
[20] דער קינסטלער
[21] ערב טאָג
[22] אַ חלף אונטער זײַד
[23] מײַן תּפֿילה
[24] צו רחל קאָרן
[25] איינמאָליקער ספּעקטאַקל
[26] וואַן־גאָג צו זײַן שוועסטער
[27] שאַגאַלישע ווערטער
[31] בײַם פֿײַער־שפּיגל

סיגנאַלן
[35] מיט הונדערטסטן חוש
[36] ליד וועגן שײַכות
[38] פֿאַרשווינדן
[39] זייגערלעך פֿון פֿלייש
[40] וואָס איך האָב זאָגן געוואָלט און פֿאַרשפּעטיקט
[41] ליד וועגן מורא
[42] בײַם ערשטן רעגן
[43] נאָכן רעגן
[44] צו לייוויקן
[46] צו לעיעלעסן
[47] קמיעות צום אָנטאָן בײַם זונפֿאַרגיין

זכר לגעטאָ
[53] אַן איובדיקס
[54] אין בלויע העמדער

[56] איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן
[57] ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן
[58] דער פֿאַפּירענער וואַלד
[60] פֿאַרמאַך דאָס פֿענצטער
[61] ליד וועגן תּיקון
[62] רויך פֿון אויסגעברענטן וואַלד
[63] גוטע דײַטשן
[64] אַ וואָרט אָן מוזיק
[66] אַ קלאַפּ אין טיר
[67] דער שמייכל פֿון מײַדאַנעק
[71] הײַנט איז יאָרצײַט

די וועלט צוקאָפּנס
[75] געשווינדער פּונעם ליכטלויף
[76] שורות אויפֿן ים געשריבענע
[78] צווישן פּאָמפּיי און וועזוויוס
[79] אין די קעלערן פֿון פֿאַרגעסן
[80] דאָס אויסערמענטשלעכע
[81] הילולי
[82] אַ פֿויגל מיטן נאָמען: קוקובאַראַ
[84] עמבלעם
[86] דער קעניג טשאַקאָ
[88] פֿיר און צוויי
[89] שלאַקסיקע נאַכט
[90] וויזיט
[91] אַ פּערסישער טעפּעך
[92] פֿלוצעמדיקער זקן
[93] לייענען, שרײַבן
[94] פֿלעדערמײַז
[95] אָן עדות
[96] מײַן פֿרײַנד פֿון גיהנום
[98] אומשולדיקע טרער
[99] דער וועלטהונט
[100] ליד אָן אַ נאָמען

אַלט־יפֿו אין רעגן

[103] אַרײַנפּיר
[104] דער לײַכטטורעם
[105] קרוינען פֿון כוואַליעס
[106] די אוצרות אויפֿן מאַרק
[107] שטילקייט און שטורעם
[108] דער בדחן
[109] דער גאָלדשמיד פֿון סאַלאָניק
[110] ריח פֿון יוגנט
[111] מאַטראָסן
[112] אַ גילגול

פּירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים

[115] צו אַ פֿרײַנד אויף אַ נײַעם בית־עולם
[119] מײַן טאָכטער זוכט די סודות פֿון מצדה
[120] דער נזיר
[122] נשמה אין שטורעם
[123] בײַם טויער פֿון עזה
[124] קינדווײַז
[125] דײַן מאַמעס ליפּן
[126] אַ טינטפֿיש אויפֿן ים־ברעג פֿון אילת
[127] צווישן בעדוינער
[128] אין יפֿו
[129] זילבערנע רויִנע
[130] אויף מאָרגן נאָך אַ נאַכט אין יפֿו
די שערבל־יעגערס
[132] מיט נאָזלעכער פֿון הינט
[133] צום פֿײַערשטיינדל
[134] מידבר־זון
[135] דריטע שטילקייט
[136] די זאַמדפֿרוי
[137] צוגעדעקט מיט האַלב ירושלים
[138] אין ליכט פֿון זיבן ספֿערן
[139] פּירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים